STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05046

HALOYMES IN FLAMEN

Helen Helfand

Permanent preservation of this book was made possible
by Neal D. Gosman
in honor of
di mishpokhe Guzman-Panagopoulos fun Minnesota

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערלען העלפאנט

חלומות אין פלאמען

דער נאמען געווידמעט:
דער העלדישער יוגענט
וואָס איז אין פייער אַנטרונען
מיט א קראַנץ פון חלומות
וואָס האָט זייער לעבן געשפונען

DREAMS IN FLAMES

by Helen Helfand

Typeset & Printed in Toronto
by Adler Graphics
— 1990 —

העלען העלפאנט



אין הייליקן אָנדענק פון מיינע עלטערן־די קדושים:
מאיר און חַוה שָׂרָה וואַרעמשטיין
אומגעקומען אין אוישוויץ
ווי אויך לזכר מיינע שוועסטער און ברידער און
אלע 6 מילאָן קדושים,
אומגעבראַכט דורך די דייטשע מערדער ימַח שמום וזיכרום.

פאָרוואָרט

איך בין געבוירן אין וואַרשע, די הויפּט־שטאָט פון פוילן — די שטאָט, וואָס האָט פולסירט און געברויזט מיט דעם עכטן אידישן לעבנס־שטייגער פון אַלע שיכטן; די שטאָט פון דעם גרויסן אידישן ישוב, וואָס האָט געלעבט און געשאַפן דאָס גרויסע פיל־קאָליריקע ווערק — די עפּאָפּייע, וואָס האָט געהייסן: **1000 יאָר אידיש לעבן אין פוילן.**

אין פאַרשידענע צייטן האָבן דאָרט געלעבט און געשאַפן גרויסע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלייגט דעם סטעמפּל, דעם חותם אויף זייער דור. דער לעצטער יאָרהונדערט, וואָס איז באַצייכנט אַלס די בלי־פּעריאָדע פון דער אידישער ליטעראַטור אויף אַלע געביטן, סיי רעליגיעזע, סיי וועלטלעכע.

אין וואַרשע האָבן געלעבט אַ סך קלאַסיקער פון דער אידישער ליטעראַטור, וועלכע האָבן דאָרט געשאַפן. פּרץ, דער רבי, וואָס האָט געגעבן סמיכה צו אַ סך יונגע שרייבער, וואָס האָבן געשטראָמט קיין וואַרשע פון די קליינע שטעטלעך, וואָס זיינען שפּעטער באַרימט געוואָרן מיט זייערע שאַפונגען.

וואַרשע — אַן עיר ואם בישראל — איז געווען דער צענטער פון דעם אידישן קולטור לעבן אין פוילן. טראָץ דעם האַס און פּאָגראָמען מצד די פוילישע אַנטיסעמיטן האָט דאָס אידישע פאָלק באַוויזן צו שאַפן גרויסע קולטור ווערטן אויף אַלע געביטן: וועלטלעכע, רעליגיעזע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע. דאָס אַלץ אינאיינעם האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ סימפאָניע, וואָס האָט געהייסן: דאָס מזרח־אייראָפּייאישע אידנטום.

עס האָט דאַן געלעבט און געווירקט אַ קעמפערישע אידעאַליסטישע אידישע יוגנט, צעטיילט אין פאַרשידענע פּאַרטייען — רעליגיעזע און וועלטלעכע; ציוניסטן־חלוצים, בונדיסטן, פאָלקיסטן, סאָציאַליסטן און גאַנץ לינקע. כאָטש אויף פאַרשידענע וועגן האָט זיי אַלע פאַראייניקט איין גרויסער חלום: אויסלייזן די געפּלאָגטע מענטשהייט — און דאָס אידישע פאָלק בתוכם — צו ברענגען דער וועלט דעם גרויסן חלום פון ישעיהו — דעם והיה באחרית הימים. אַ סך האָבן זייערע לעבנס פאַרלוירן אין קאַמף פאַר די דאָזיקע אידעאַלן. די וויזיע פון אַ וועלט אין שלום האָט באַגלייט און באַלויכטן זייער וועג. אַזוי האָט מען געלעבט, געקעמפט און געשאַפן ביז 1939. דאַן איז

געקומען היטלער, ימח שמו — דער גרעסטער מערדער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט! מיט אַ בלוטיקער קאָסע האָט ער פאַרשניטן און גרויזאַם דערמאָרדעט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. דאָס פוילישע אידנטום אָפּגעמעקט פון דער וועלט־מאַפּע גלייך עס וואָלט קיינמאָל ניט עקזיסטירט! ניטאָ אפילו קיין קברים. . .

איך וויל דערקלערן, אַז איך באַטראַכט פאַר אַ גרויסער זכיה, דאָס וואָס איך בין געבוירן און אויפגעוואַקסן אין דער דאָזיקער תקופה. פון דער דאָזיקער יוגנט האָב איך געשעפּט אינספּיראַציע, וואָס האָט געפּאָרעמט מיין לעבן. איך בין געווען אַ טייל פון זיי, פון די הייליקע מאַרטירער, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַרן כבוד פון אידישן פאָלק; פון דעם אידנטום פון וועלכן יעדער אידישער ישוב אין דער וועלט האָט געשעפּט פון זיינע קוואַלן. דער דאָזיקער אידישער ישוב — דאָס פוילישע אידנטום — האָט מיר געגעבן דעם באַוווסטזיין, דעם שטאָלץ פון זיין אַ אידישע טאָכטער. און איך וויל באַטאָנען: טראָץ אַלע פּאָגראָמען און שרעקלעכע שחיטות, טראָץ דעם מורא׳דיקן חורבן, ווען איך זאָל נאָך אפילו 10 מאָל געבוירן ווערן — וואָלט איך אַלץ געוואָלט געבוירן ווערן אַ אידישע טאָכטער! די גייסטיקע שפּייז פון דעם פוילישן אידנטום וועט מיך נערן ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג אין מיין לעבן.

אונדזערע זעקס מיליאָן דערמאָרדעטע ברידער און שוועסטער האָבן אונדז געלאָזן אַ צוואה: ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן! האָף איך, אַז די דאָזיקע שורות וועלן אויך בייטראָגן צו דערמאָנען די צוקונפטיקע דורות וועגן אונדזער גרויסן חורבן און פאַראייביקן אונדזער גרויסן צער און פּיין.

דער 20־טער יאָרהונדערט

געבוירן אין פלאַמען פון פרייהייט רעוואָלוציעס,
אין קאַמפן פון דער מענטשהייט
פאַר נייע קאָנסטיטוציעס.
אין אויפברויז פון צאָרן,
צעשמעטערט האָבן טראָנען,
דו ביסט געווען די האָפנונג פון מיליאָנען. . .

אַ יאָרהונדערט פון נביאים
מיט פאַלשע רויטע לוחות —
וואָס פאַרשקלאַפן די וועלט
אין זייער געהיימע שליחות
פאַרהייליקטע געטער צעברעקלט אין שטויבן
געבראַכט דער וועלט אַ חלום
פון אַ נייעם גלויבן. . .

אָ, דו יאָרהונדערט, דו גרויסער פענאָמען!
מיט פייער און בלוט פאַראייביקט איז דיין נאָמען,
מיט אַ שפע פון חלומות און געוואַגטע דערגרייכן,
פון פּאַלאַצן אין די וואָלקנס
אין צעשטערנטע הויכן.

דו האָסט באַזיגט דעם קאָסמאָס
מיט גיגאַנטישע געווערן.
צעקושט זיך מיט דער לבנה,
באַגריסט זיך מיט די שטערן. . .
דער סאַטורן, דער ווענוס
ווינקען צו דיר פריילעך.
דיין קעניגרייך די הימלען —
ביסט דאָרטן אַ בן־מלך. . .

אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן איינגעשפּאַנט די זונען,
נייע וועלטן אין קאָסמאָס האָסטו אויסגעפונען.
אין אין־סוף דו טראָגסט זיך מיט אַטאָמישע ראַקעטן.
צו אַלע זיבן הימלען, צו די ווייטסטע פּלאַנעטן.

אין די ווייטע רוימען טוט זיך איצטער טומלען;
ס׳טייטש!? ס׳איז דער בן־אדם איצט אַ חושב אין די הימלען!
שטאָלענע קאָמפּיוטערס מיט אַטאָמישע מוחות
טראָגן דיך אין די הימלען מיט אַ שנעלקייט פון רוחות. . .

נאָר אויף דעם מענטשלעכן פּלאַנעט, אונדזער ליבע מאַמע ערד.
געבראַכט האָסטו אַ מבול פון פייער און שווערד.
אויסגעוווייקט אין אויל, אין בלוט, ס׳איז דיין יעדער טאַט,
אין אַלע דיינע מעשים — שקר, מאָרד, פאַרראַט. . .

אויף אונדזער ערד דו שפּאַנסט צעמישט און פאַרלאָרן,
אַ בית־עולם פאַר דער מענטשהייט ביסטו געוואָרן. —
אָ! דו טראַגישער 20־טער יאָרהונדערט!
פון אַלעמען געהאַסט, פון אַלעמען באַוווּנדערט. . .
אויף דורות און דורות וועט געשיכטע דיך דערמאָנען
דעם 20־טן יאָרהונדערט, דעם גרעסטן פּענאָמען. . .

ניו־יאָרק 1980

דער 1־טער סעפטעמבער 1939

אויף אייביק וועט בלייבן פאַרקריצט אין מיין זכרון
דער מאַקאַברישער פרימאָרגן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן:
איך שפּאַן אין וואַלד אַליין אין דעם האַרבסטיקן באַגינען,
וואָס האָב איך פאַרלאָרן? וואָס יויל איך געפינען?

אויף אַ וואָלקן שווימט די נאַכט צו די ווייטע אין־סופן...
אַזאַ שטילקייט אַרום, ס׳טוט גאָט אַליין נאָך שלאָפן...
דאָס איז מיין יוגנט אומרו, וואָס טרייבט מיך אויף די וועגן,
טראָג איך „אַ גוט־מאָרגן״ היינט דער וועלט אַנטקעגן...

אַזוי קוואַליק־קלאָר איז די פרימאָרגן לופט.
צו נייע פאַרמעסטן דאָס לעבן מיך רופט!
אָט באַווייזט זיך אַ שטראַל געוועבט פון גאָלדן שיין,
אַ מונטערע מיט גלויבן איך שפּאַן אין „היינט״ אַריין,
די גרינע באַרג־שפּיצן האָבן מיט פלאַמען זיך צעצונדן,
אַלע שאָטנס פון דער נאַכט אין חלל פאַרשוווּנדן...

פּאַסמעס זון זיך פלעכטן איבער די גרינעביימער קעפּ,
הענגען אויף צווייגן ווי גאָלדענע צעפּ.
אַ „נייעם טאָג״ אין קאָסמאָס האָט די צייט איצט געבאָרן,
אַלע „נעכטנס״ אויף די וועגן אין דער אייביקייט פאַרלאָרן.

און ווי נאָר ס׳האָט די זון־ליכט דעם חושך באַצוווּנגען
האָט אַ פויגלשע קאַפּעליע האַרציק זיך צעזונגען,
זיי שוועבן און שווישטשען מיט אַ ניגון אַ זיסן,
זיי איילן זיך אַלע דעם גאַסט צו באַגריסן:
בָּרוּךְ הַבָּא! בָּרוּךְ הַבָּא!
אַ נייער טאָג איז דאָ...

* * *

און פּלוצלינג האָט אין די רוימען זיך אָנגעהויבן טומלען...
אַ טשאַטע שטאָלענע פייגל האָבן באַדעקט די בלויע הימלען...
דאָס האָבן די ברוינע בעסטיעס מיט פּרעציזקייט געבויט —
צווישן פעלקער געשיקט זייען חורבן און טויט...

אַ צעגליטע ליאַווע פון פליענדע ווולקאַנען
פאַרפלייצט איצט די וועלט מיט אַ מבול פון פלאַמען.
עס ציען קנוילן רויך פון פייערדיקע זיילן,
וואָס באַלויכטן די ערד אויף הונדערטער מיילן. . .

די גאַנצע וועלט אַ שייטער, אַ ריזן קאַלך־אויוון,
דער מענטש אַ ברענענדיקער פאַקל;
עס ברענען פעלקער, גלויבנס. . .
עס פלאַקערט אויף אַש איצט מיין אידישער שטאַם —
עס פאַרשווינדט מיין פאָלק אין העלישן פלאַם. . .
עס ציטערט די גאַנצע ערד, עס קנאַלט און עס קראַכט.
בלויז דאָס בלאָנדע מערדער פאָלק
לעבט זאָרגלאָז און לאַכט

„מיט אונדזער שטאָלענער מאַכט,
מיט אונדזער גרויסן ליגן
וועלן מיר „דאָס דריטע רייך״
די גאַנצע וועלט באַזיגן!״

אַזוי האָט דער סעפּטעמבער טאָג
צו דער וועלט געבראַכט
אַ לאַנגע פינצטערע נאַכט. . .
די נאַכט פון לאַנגן מעסער
די בעסטיאַלע קרישטאָל נאַכט. .
וואָס האָט אַ דריטל פון מיין פאָלק
צום אומקום געבראַכט. . .

מיט אַן אייביקער קללה פאַרבלייבט אין מיין זכרון
אָט דער 1־טער סעפּטעמבער — דער יום־הזכרון.
אין טיפן טרויער, מיט ניט פאַרהיילטע ווונדן
איך טראָג דיך אין מיין האַרצן — מיין וועלט וואָסאיז פאַרשווונדן.
ביז מיין לעצטן פאַרגיין פון מיין צעשטערטן לעבן
אַ שבועה האָב איך געגעבן:
ניט פאַרגעסן! און ניט פאַרגעבן!

פוילן — דאָס לאַנד פון מיין געבוירן

פוילן — דאָס וואונדער לאַנד פון מיין באַגינען
מיט פלאַמיקער ליבשאַפט
דו האָסט מיין האַרץ פאַרשפונען.
די שענסטע מתנה האָסטו מיר געגעבן:
דעם פריידיקן אָנזאָג פון לעבן. . .

דאָרט האָט דער ערשטער גליאיקער זון־שטראַל
מיינע שווארצאַפלען פאַרבלענדט. . .
די שטוינענדיקע אויגן געעפנט.
דיינע בלויע הימלען דערקענט.

דאָרט — ווי אַ קינד זיך געפרייט
מיט די ערשטע פרילינג בלומען.
דאָרט — האָט מיין גורל מיט כישוף פינגער
מיינע צוקונפט חלומות געשפונען.

דערנאָך האָבן וואונדער־יאָרן
אויף שטראַליקע געוועבן
אויסגעשפינט די סימפאָניע
פון מיין שטורמישן לעבן.

דורך דערנער און פלאַמיקע רויזן
האָט זיך געשלענגלט מיין וועג.
און כאָטש דער פרילינג פון מיין יוגנט
איז שוין ווייט פון מיר אַוועק —
מיט די שענסטע חלומות
דו ביסט פאַרקריצט אין מיין געמיט.
צו דיר האָב איך געזונגען מיין ערשטע ליד.

פוילן — דאָס לאַנד פון מיין געבוירן:
אויף דיינע בלויע הימלען
האָבן אידישע שטערן
אויפגעבליצט מיטן העלסטן פלאַם.
פון אַלע אידישע ווערטן
דעם שענסטן קראַנץ פאַרפלאָכטן —
האָט דאָרט מיין אידישער שטאַם.

אַ היכל פון פערל פון אַלע מקורות;
פון גרויסע גאונים, משכילישע תורות,
אַ פאַרביק געוועב פון מתנגדיש און חסידיש —
וואָס געבליצט האָט מיט חידוש, —
פוילן — אַ מגילת היחסין פון 1000 יאָר אידיש.

אַ צעבליטער גאָרטן מיט די שענסטע אידיש בלומען,
פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער ביז דעם ווילנער גאון,
ס׳האָבן דורות געטרונקען
פון דעם אידיש קוואַליקן ברונעם.

דאָרט — אויף אידיש שטרויענע דעכער,
אין פרימאָרגנס שטילע
האָבן טויבן געוואָרקעט
די שחרית תפילה.

פון בתי מדרשים און שולן
האָט דער קול־תורה געקלונגען,
פאַרבענקטע חלוצים
האָבן די התקווה געזונגען.

פון דעם וועלדל דערנעבן
גאָר אַן אַנדער געזאַנג;
דאָרט האָבן יונגע טרוימער
מיט אַ חלום באַזעלט
זיך פאַרמאָסטן צו ענדערן
דעם גאַנג פון דער וועלט. . .

נייע לידער געהייליקט
מיט בלוט רויטע פענער;
און אונטער די טענער
פון פרייהייט געזאַנגען
דיינען יונגע הירש לעקערטס
צו דער תליה געגאַנגען. . .

דאָרט האָט מיין פאָלק —
די אייביקע טרעגער פון טרוימען —
מיט בטחון און פלאַמיקן גלי,
אין נויט מיט שווייסיקער מי
דעם גורל איינגעשפּאַנט,
אין געראַנגל מיט האַס און שנאה
דורך דורות געבויט דאָס לאַנד. . .

צווישן די ענגע געטאָ מויערן
ס׳האָט מיין פאָלק געלעבט
אַ פאַרביקער געפלעכט
פון קבצנים, נגידים,
אפּיקורסים, חסידים —
אין דיין לאַנד אַ מקום מקלט געפונען,
איןליידן און פריידן
דעם פאָדעם פון המשך געשפּונען.
דאָרט — צווישן די ענגע געטאָ ווענט,
דאָרט — האָב איך גאָט דערקענט. . .

איצט — ניטאָ מער מיין הייליקע מאַמע,
וואָס האָט מיט ליבשאַפט בלומען געפלאַנצט.
אויף גליאיקע אַשן פון נעכטיקע פלאַמען
יאַש — אַ מאַזורקע דאָרט טאַנצט. . .

איצט — מיט גליאיקן צאָרן און פיין
ס׳טויכט אויף אין מיין געביין
דער שוידער־קלאַנג
פון דעם לעצטן גאַנג
פון מיין פאַרפייניקטן פאָלק,
אויף דיינע בלוטיקע שליאַכן.

זעקס מיליאָן אַוועק אויף דעם בראַנדיקן וועג. . .
אָ, פוילן! — אַזוי בלוטיק נאָענט. . .
און אַזוי מערדעריש פרעמד!
ס׳האָט דיין פאָלק מיט בלינדער שנאה
דעם נאָמען מענטש געשענדט!

איצט מיין לאַנד — אַן עמק הבכה
פון בלוט און אידישע טרערן,
מיט אַן אייביקן קין־צייכן
אויף דיין סלאַווישן שטערן.

אָ פוילן! כאָטש מיט אַלע פעדים פון מיין נשמה
איך טו נאָך דיר בענקען,
אָבער ווי קען איך דיך, פוילן
צום גוטן געדענקען?!

פוילן 1936

אויף דאָרניקע וועגן

מיט אַ מונטערן בליק
צו דער צוקונפט געווענדט
געשפּאַנט האָב איך מוטיק
אין אַ שטורמישער וועלט.

אויף אַלע וועגן און שטעגן
חלומות געשפּרייט
פון אַ וועלט אַ פרייער
מיט אַ פלאַטער פון פרייד.

מיט פליגל פלאַטער
און ליכטיקע שטראָמען
מיט יונגען רעש און טומל
און געוואַגטע טרוימען —
ווי אָדלערס זיך געטראָגן
צום בלויען אָפענעם הימל
מיט אַן אָנזאָג פון אַ פריידיקן מאָרגן.

* * *

איצט — מיט שווערע ראַשיקע טריט
צווישן שטראָמען אידיש בלוט,
אין אָפּשיין פון פלאַמיקן פייער צעהעלט
דער נאַצישער וואַנזין
שפּאַנט איבער דער וועלט. . .

מאָנסטער מערדער פון אַלע קאָלירן
שוואַרצע, ברוינע, רויטע,
צום תהומ׳יקן ראַנד
די בלוטיקע וועלט איצט פירן.
אַ וועלט אין פלאַמען מיט תליות פאַרזייט
אין בלוטיקע שקיעות פאַרגייט.

אין קנוילן רויך פון האַס און שנאה,
אין בלוטיקע חורבות פאַרברענט,
אויף ברעקלעך צעשאָטן,
מיט קאָמור־נאַצישע שטיוול, —
ברוטאַל צעטראָטן
חלומות און טרוימען
אויף אייביק פאַרלענדט. . .

איצט איבער בערג פון זודיקע אַשן
איך שפּאַן אויף דאָרניקע וועגן;
שאָטנס פון קדושים קומען מיר אַנטקעגן
מיט אויגן אויסגעלאָשן — בעטן שטום
זכור! געדענק!. . .

פּוילן 1944

זייט מיר מוחל!

זייט מיר מוחל איר הייליקע מאַרטירער:
אין אַ טראַגיש גורל'דיקער שעה
איך בין פון אייך אַוועק. . .
ניט באַשערט מיר געווען
צו גיין מיט אייך דעם לעצטן וועג. . .

זייט מיר מוחל מיינע פאַרפייניקטע ברידער —
וואָס פון אייער טראַגישן אומקום
איך שרייב איצט לידער. . .
ס'האָט דער פלאַמיק גליאיקער צער
אין מיין האַרצן אויסגעבריט
דאָס דאָזיקע ליד. . .

אויף אייביק פאַרקריצט
אין די טיפסטע געוועבן
פון מיין צעוווּנדיקטער נשמה —
די לעצטע גרויליקע רגעס
פון אייער טראַגישן זיין
פול מיט מאַקאַברישע יסורים און פיין. . .

און עס טרינקט זיך די גליאיקע בענקשאַפט
אין דעם פלאַקער פון די אוישוויצער פלאַמען.
און אַ ליאַווע פון ברענענדן צער און צאָרן
רייסט זיך דורך אַלע צאַמען —
פון מיין בלוטענדן האַרץ צו דער פריי —
מיט אַ גרויליקן אויסגעשריי: „נקמה"

איך קען דעם שטיקנדן ווייטאָג
אין מיין האַרצן מער ניט באַהאַלטן.
אפשר וועלן די שטומע יסורימדיקע שורות
ווי אַ שטילע תפילה
די שווייגענדע הימלען שפּאַלטן?

אין שוואַרץ־רויטע וואָלקנס געהילט
עס שוועבט אין די עולמות איצט
דער אייביקער איד. . .
און אויף דער בלוטיקער ערד
אַ שטויבל פון מעכטיקן שטורם געטריבן —
אַן אויסגעברענטער פאַקל
איך בין נאָך מיין פאָלק געבליבן. . .

עס האָט די גרויזאַמע צייט
אויסגעלאָשן אין מיין האַרצן
יעדעס טראָפן פרייד. . .
עס זיינען די שורות פלאַמיקע טרערן
פאַרגליווערט אויפן קאַלטן פאַפיר,
ווי פינצטערע שאָטנס זיי קוקן אַרויף צו מיר —
און פרעגן שטום פאַרשמאַכט:
זיינען טאַקע אַלע הימלען פאַרמאַכט?!!

אוי, מיינע פאַרשניטענע ברידער!
אויף אַלע וועגלאָזע וועגן,
אויף אַלע חרוב אויסגעברענטע שטעגן,
אין אַלע ענדלאָזע הימלען —
וואָס בלויען און שווייגן שטום;
אין אַלע צעפלאַקערטע בלוטיקע זונען-אומעטום
האָב איך גאָט געזוכט —
אין ערגיץ ניט געפונען!!

אין געווירבל פון קאָסמישע זאַווייען
אין קליידער פון בלוט און ווייען
מיט אַ ירושה פון פאַרברענטע חלומות
אויף גליאיקע אַשן צעבלאָזן,
ס'האָבן מיך די געטער פון גורלות
אויף אַ שיידוועג אַליין געלאָזן.

— און איצט אַ מידער וואַנדערער
אין שפיגל פון צייט
איך זוך נאָך אַלץ דעם באַשייד
צו דעם אייביקן צער און טרויער
פאַרוועבט אין דעם בראשיתדיקן דויער. . .

פוילן 1944

אָב הרחמים

אָב הרחמים — פאָטער פון יתומים,
מאַך אויף דיינע הימלישע טויערן
פאַר די קליינע קדושים־טהורים,
פאַר דעם מיליאָן פאַרשניטענע קינדערלעך —
די וואָס האָבן ביז נאַכטיק־שפעטער שעה
אויפן פריפּעטשיק געלערנט: קָמֶץ אַלעף אָ. . .

און דערנאָך די חומש־מעשיות
מיט תמימות געשלונגען,
אין דער נאַכטיקער שטילקייט
ס'האָבן זייערע ניגונים געקלונגען.
און זייערע אייגעלעך געלויכטן
ס'האָבן מיט פרייד און חידוש
ווען ס'האָט דער רבי פאַרטייטשט
דעם חומש אויף אידיש. . .

אין פראָסטיקע זאַווייען
פון חדר — מיט לאַמטערנדלעך געשפּאַנט
און ביינאַכט — אין ליכטיקע חלומות
געטרוימט פון חומש־לאַנד. . .
אָ, איר משה'לעך און שלמה'לעך
ווּהין זייט איר אַנטרינען?
דער שטאָלץ פון עם־חספר
ווּ קען מען אייך געפינען?

אין טייכן בלוט געטובלטע
פאַרברענטע אין פלאַמען,
פאַרפייניקטע, דערשטיקטע,
דערטרונקען אין יאַמען,
עס שוועבן זייערע נשמות איצט
אין די ווייטע הימלען. . .
זיי קענען מער ניט לערנען
זיי קענען מער ניט טומלען. . .

געבליבן פון זיי בלויז אַש
פון די ווינטן צעבלאָזן.
ס'האָבן די תליונים פון זיי
קיין זכר ניט געלאָזן. . .
אָ, דו גרויסער אָב הרחמים!
דו גערעכטער בורא!
איז ווער זשע וועט איצטער לערנען
דיין הייליקע תורה?!!

אין דעם בלויען הימלישן פּרוכת
מיט גאָלד אייערע נעמען שיינען
און מיר — די פאַר'יתומטע דורות
וועלן אייביק נאָך אייך וויינען. . .

פּוילין 1938

מי במים ומי באש. . .

(געטאָ שאָטנס)

איבער פּוילישע בערג און צעאַקערטע טאָלן
דאָרט וואָגלען פאַרפּייניקטע חרובע אַמאָלן;
מיט ברענענדע טריט אין טרויער געבויגן
גרויע שאָטנס מיט פאַרלאָשענע אויגן
זיי זוכן נאָך אַלץ די שפּורן
פון אַ פאָלק וואָס געלעבט דאָרט
זייט טויזנטער יאָרן. . .

זיי שפּאַנען אויף אַשן פון פאַרברענטע יאַרידן
ווו עס האָבן אַמאָל זיך געפלאָנטערט
באַבערדעלטע אידן,
געזוכט דאָרט אויף די מערק
אַ ברעקל חיונה. . .
ווי אַ מילגראָם זייערע הערצער
געווען פול מיט אמונה. . .

ס'האָט מיין פאָלק דאָרט געלעבט
אין פריידן און זאָרגן
מיט בטחון אין האַרצן
אויף אַ בעסערן מאָרגן. . .

דורך דאָרניקע וועלדער, צעברענטע פליינען
ווו אַמאָל דאָרט געשטאַנען אידישע היימען.
זיי בלאָנקען די גייסטער,
די שאָטנס פון מיליאָנען. . .
וואָס זיינען אויף די בלוטיקע וועגן
פאַר'משפּטע צום טויט געגאַנען. . .

און עס פלאַטערן אין ווינט נאָך
די גרויליקע געשרייען
פון טאַטע־מאַמע, קינדער,
אין זייערע לעצטע גסיסה ווייען. . .
וואָס האָבן מיט שמע־ישראל
אויף זייערע פאַרברענטע ליפּן
גאָט גערופן. . .

אין טייכן פון בלוט וואָס קאָכן און זידן
דאָרט האָבן זיי געפונען די געקוילעטע אידן. . .
דאָרט אין די תהומען אויף אייביק שוין שטומע
עס ליגט מיין פאַרשניטענע אומה —
וואָס מאָנט ביי די הימלען: נקמה! נקמה!

פוילן 1946

שמע! אַ תפילה. . .

וווייט אין די קאָסמישע אין־סופן
מיט בלויען זייד פאַרצויגן,
אין זיסן דרימל מיט פאַרמאַכטע אויגן
אין דעם העכסטן הימל פאַרשטעקט
זיצט אויף זיין טראָן
דער גרויסער אַרכיטעקט. . .

אַלע מלאכים זינגען צו אים שירה
אַ לויב געזאַנג פאַר דיין וווּנדער יצירה.
נאָר דער אַלטער גאָט איז טויב און קראַנק
ער הערט ניט דעם גרויזאַמען וויי געקלאַנג
פון זיין אויסדערוויילטן פאָלק
וואָס צאַפּלט אין פייער בראַנד.

אָ! גרויסער גאָט —
דערוואַך פון שלאָף!
ס'האָבן זיך רוצחים פאַרמאָסטן
אויף דיין גראַנדיעזן באַשאַף. —
די וווּנדער יצירה — אויף וועלכער
דו האָסט מיט שטאָלץ געזאָגט: „כי־טוב" —
פאַרגייט אין העלישע פלאַמען!

שמע! דערהער דעם שוידערקלאַנג
פון דיין פאַרפייניקטן פאָלק
וואָס גייט זיין לעצטן גאַנג
צו דער עקידה!!

דיין פאָלק — וועמען דו אָ גרויסער בורא
האָסט מזכה געווען מיט דיין הייליקער תורה!

שמע! דערהער —
די לעצטע פאַרשטומטע תפילה
פון אידישע מאַמעס אין פלאַמען
אין בלוטיקן פייער בראַנד געפאַנגען
וואָס איז קיינמאָל צו די הימלען ניט דערגאַנגען!!

שמע! דערהער אָ גאָט!
דעם לעצטן גסיסה זיפץ
פון די געקעפטע קינדער,
שמע! דערהער!
און דערזע
זייער לעצטע בלוטיקע טרער...

יולי 1944

עלעגיע נאַך מיין שטאַם

היינט איז יאָרצייט נאָך מיין שטאַם;
אין צעגליטן טרויער און פּיין,
מיט מיינע יסורים און וויי,
ביים ברעג פון ים איך שטיי;
אַ ניט דערברענטע האָלאָוועשקע
פון קאָשמאַרן געפאַנגען,
איך וויין נאָך מיין פאָלק
וואָס איז אין פלאַמען פאַרגאַנגען. . .

עס האָט די זון אין מזרח
אַ יאָרצייט פלאַם צעצונדן,
נאָך די לעצטע „שמע־ישראלס״
וואָס זיינען אין וואָלקנס פאַרשוואונדן.
אין דעם טרויעריק שטילן חלל
עס פלאַטערן תפילות אין ווינט,
נאָך אַלע פאַרברענטע מאַמעס,
נאָך יעדן דערשטיקטן קינד. . .

און פלוצלינג — כ׳דערזע ווי אין דמיון
מאַקאַברישע שאָטן געשטאַלטן;
דערשטיקטע, פאַרגאַזטע, געקוילעטע,
אין אַלע גרוילן פון גהינם געטובלטע. . .

זיי טויכן אויף פון די בלוטיקע תהומען
פון די ווייטע הימלישע רוימען —
מחנות פון קדושים קומען אָן —
די אויסגעמאָרדעטע זעקס מיליאָן!

זייערע מאַרטירער קרוינען
גליטערן אין דער זון
ווי די זילבער מנורות
אין וועלכע מיין פאַרשניטענער שטאַם
האָט דורך דורות
געצונדן אַ פלאַם —
צו הייליקן גאָט׳ס נאָמען.
זייערע פאַרשטומטע קולות
שרייען און מאָנען: פאַרוואָס!?

נאָך אַלע נע־וונעדן,
אין אַ געראַנגל מיט אַ רוצחישער וועלט
געבליבן כ׳בין:
אַ לעצטער פונק פון אַ גרויסן פלאַם,
געלייטערט אין בלוט
פון מיין הייליקן שטאַם. . .
מיין האַרץ אַ ברענענדער סנה
מיט אַן אייביקער וווּנד,
מיין נשמה אַ פוסטער מדבר
וווּ עס וואָיעט און יאָמערט אַ ווינט.

אויף מיין אָרעם דער אוישוויצער נומער,
די וועלט׳ס אייביקע שאַנד,
גליט ווי אַ העלישער בראַנד
אין פינצטערן נאַכטיקן חצות,
קלאָגט און מאָנט ביי די הימלען:
פאַרוואָס, אָ, גאָט! פאַרוואָס?!!

מיאַמי, אַפּריל 1984

אין געראַנגל (אַ תפילה)

אָ גרויסער גאָט אין די הימלישע ווייטן!
אין דער טראַגיש גורל'דיקער צייט פון פּיין און ליידן
זיי גנעדיק צו מיר — העלף מיר!
אַזאַ געדיכטער חושך שוועבט אַרום מיר. . .
אויף דעם מאַקאַברישן שליאַך קיין אוישוויץ
כ'האָב פאַרלאָרן מיין וועג צו דיר. . .

אין בלוטיקע נעפּלען פאַרהילט
אַלע וועגן צו דער רוצחישער וועלט,
וואָס האָט מיך אַ אידישע טאָכטער
מחוץ למחנה געשטעלט.

אַ וועלט, וואָס שיכור פון פרייד —
געזעטיקט מיט שלאַנגישע סאַמען
האָט באַגריסט די אוישוויצער פלאַמען —
וואָס האָבן אַ פריילעכע בשורה געשפּרייט:
עס ברענט איצט דער איד!
ס'איז אויס מיט דעם אידישן ליד!. . .

כ'האָב אויך אין די גרויליקע יאָרן
מיין וועג צו זיך פאַרלאָרן. . .
אויף דעם מזבח פון פאַרברענטע גלויבנס
אין די אַשן עס ליגט דאָרט מיין איך
און עס זוכט מיין פאַרבענקטע נשמה
אַ וועג צוריק צו זיך. . .

ערגעץ אין אין־סוף פון גאָט'ס באַראָטן
אויף אַ קייט פון פאַרלאָשענע שטערן
איך הענג — אַן אוישוויצער שאָטן
אַ בר־נש פון בלוט און טרערן,
פון די העלישע פלאַמען אַנטרונען,
און איך קען קיין וועג ניט געפונען. . .

בעט איך איצט ביי דיר אָ גאָט
וואָס אָב־הרחמים ס׳איז דיין נאָמען;
שענק מיר כאָטש אַ קליינעם שטראַל
פון דיינע זיבן זונען,
איך זאָל אין די הָרי־חושך דאָ
אַ נייעם בראשית געפינען. . .

ווין, עסטרייך 1946

אויף קבר אָבות

דורך צעאַקערטע גריבער, צעברענטע טאָלן
אויף די שליאַכן קיין אוישוויץ איך שפּאַן
מיט אַ פאַרקלעמטע האַרץ און פאַרשטיקטן געוויין
איך זוך — צי ס׳איז ערגעץ פאַראַן
כאָטש אַ שפּור פון די צעגרינטע אידישע אַמאָלן.

אָט דאָ, האָבן הענקער געהוליעט
אַרום פייער וואָס אָן אויפהער געברענט
אָט דאָ — „ווער ס׳איז אַ איד״
ס׳האָבן די מערדער גלייך דערקענט. . .

אין בלויען חלל
אין חרובן שטילשווייג אַרום
בלענדיקע זון־שטראַלן
באַלייכטן שטום —
דעם טייוולשן באַשאַף — „אוישוויץ״.

ווי פינצטערע וואָלקנס
עס לויפן מחשבות
אָן אַ סֵדר — אָן אַ טאָלק:
ביי די טויערן פון גיהנם איך שטיי —
און זוך מיין פאָלק. . .

די לעצטע עדות
די פאַרלאָשענע קוימענס
שטאַרן צו די הימלען
פאַררויכערטע — שוואַרץ
אין אַלע פייערן פון גהינם
עס טובלט זיך איצט מיין צעוווּנדיקט האַרץ.

און די מאַקאַברישע גרוילן —
ווי גליענדע קוילן
זיי ברענען און שטעכן מיין מידן מוח.
אַ צעגליטער פאַקל פון ליידן און פיין
איך שטיי און וויין. . .

אָ גאָט! ווו נעמט מען
איצט דעם כוח
דיינע וועגן פון רחמים פאַרשטיין?!



דאָ זיינען די וואגאנען שטייען געבליבן

די סטרומא

אין שוידער־שיין פון ברענענדע וועלטן
אין פאַרצווייפלטן געראַנגל
אויף איר לעצטן גורל׳דיקן וועג
אויף שטורמישע יאַמען געשליידערט
עס זוכט אַ שיף אַ לאַנדונג ברעג. . .

דורך פינצטערע נעכט
און גרויליקע טעג
פון מעכטיקע כוואַליעס געשמיסן

עס זוכן פאַרצווייפלטע אידן אַ וועג —
צו די טויערן פון וועלט געוויסן. . .

נאָר עס איז די „פרייע וועלט״
אין נעפּלען פון שינאה געהילט.
די ליכטיקע פרייהייטס טענער
פון לאַנג שוין אויסגעשפּילט. . .

האָבן זיי מיט „קריסטליכער ליבע״
די פאַרגלאָצטע אויגן פאַרשטעלט,
מיט אַ „נייטראַלן פאַנצער״ זיך אַרומגעשפּונען. . .
און ס׳מוז די אומגליקליכע שיף ווייטער שווימען. . .
עס זוכט ווידער מיין פאַר׳משפּטער שטאַם
ערגעץ ווו אַ לאַנד. . .

היינט איז יאָרצייט נאָך דער „סטרומאַ״
דאָרט האָבן מיינע געפּייניקטע ברידער
פון נאַצישן פייער אַנטרונען —
צו אַלע גרעניצן פון דער וועלט געשוואומען —
אין ערגעץ קיין ברעג ניט געפונען. . .

דעם גאַנצן פּלאַנעט אַדורכגעקרייצט
נאָר פון יעדן ברעג
אַ ליאַווע מיט האַס און שינאה פליצט. . .
עס האָט זיי „די רשעות׳דיקע פרייע וועלט״
מחוץ למחנה געשטעלט! . . .

. . . ביז עס האָבן זיי די כוואַליעס
פריינטליך אַרומגענומען. . .
— דאָרט אויפן באָרטן פון ים
ס׳האָט מיין טראַגיש פאַרשניטענע אומה
די געגאַרטע רו געפונען. . .

* * *

זיי קענען מער ניט טומלען, ניט שרייען
דאָרט ליגן זיי שוין שטומע —
נאָר די כוואַליעס רוישן און שרייען
נקמה! — נקמה!!

אָ, איר הייליקע מאַרטירער!
אייער טראַגישער צער און פיין
וועט אויף אייביק מיט אונדז זיין.
אויף דור־דורות וועט די געשיכטע דערמאָנען
ווי עס האָט די גרויזאַמע פרייע וועלט
זיך אַליין צום „שאַנד־סלופּ״ געשטעלט!!. . .

ניו־יאָרק 1980

אני מאמין

עס האָט אין מיין פענצטער היינט
אָנגעקלאַפּט אַ גאַסט — די וועלט.
אַ זקנה ווי בראשית אַלט
איר בליק אַ טרויעריק־מידער,
און אַזוי פאַר'חידושט מיר אַ פראַגע געשטעלט:
פאַר וועמען טייערע זינגסטו היינט נאָך לידער?

ווען פון אַלע באַגערן און זוניקע טרוימען
געבליבן בלויז פונקען אין די פוסטע רוימען
און קענען קיין היים ניט געפינען. . .
און דו — וואָס געזען האָסט גורלות אין פלאַמען
פאַרגיין אין שקיעות אין בלוטיקע יאַמען,
דאָך זינגסטו, טוסט ווייטער דיין חלום שפינען?. . .

ווען אויף וועגן צעטראָטן אויף אַש און שטויב
ליגן אַלע דיינע זונען און שטערן. . .
דאָך זינגסטו דאָס ליד: „האָף און גלויב"
כאָטש עס וויינט דאָס האַרץ מיט טרערן. . .

דער סוד פון מיין זינגען ליגט אין מיין שטאַם
זיין נאָמען איז סנה — דער אייביקער פלאַם. . .
מיין פאָלק פון עקידות, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען,
דורך דורות געהייליקט אויף קידוש־השם
אין גלותן שווערע „הללויה" געזונגען
אין פלאַמיקע שייטערס מיט „אַני מאמין" געשפּרונגען.

אין אייביקן וואַנדער דורך לענדער און יַמען
באַלויכטן האָט זייער גאַנג די וויזיע „אַני מאמין"
פאַר גאָט און זיין תורה אין שלאַכטן געגאַנגען
איך שטאַם פון אַ פאָלק — פון אַני מאמין געפאַנגען. . .

אין פּאַרטיזאַנישע גריבער,
אין לאַגערן און וועלדער
אין געטאָ וואַרשע, אין אוישוויץ
אויף בלוטיקע פעלדער
מיין אידיש פאָלק געקעמפט האָט
מיט גבורה און מוט
אַדורך טויזנטער טויטן
און עס לעבט אין זיין בלוט. . .

פון טויטן טאָל פון ביינער
איז מיין פאָלק אויפגעשטאַנען
דער סוד פון אונדזער קיום?
דער אַלטער ,,אַני מאמין״!. . .

ניו־יאָרק 1982

צוריקבליק

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט
פאַרוועבט אין סומנע רעיונות
איך ליג אַן איינזאַמע און קלער:
מי אני? וואָס בין איך, און ווער?
וואָס האָב איך דער וועלט געגעבן
פאַר דער געטליכער מתנה — „דאָס לעבן״?

און עס צינדן זיך שטערנדלעך אָן אין זיכרון
וואָס טוען באַלייכטן די פאַרגאַנגענע יאָרן:
אַזוי פיל פריש־טויאיקע בלויאינקע קאַיאָרן
אָנזאָגער פון זוניקע גליקליכע טעג
אַזוי פיל פלאַמיק רויטע שקיעות
וואָס האָבן באַלויכטן מיין לעבנס וועג.

טעג פון פריידיקער ליבע
מיט זונען דורכגעשפּונען
נעכט מיט שטערן ליכט צעבליטע
שוין ווייט פון מיר אַנטרונען. . .

טעג פון וויזיעס חלומות
געוועבט פון רעגן בויגן
ווו זייט איר איצטער ליבינקע?
אין די אין־סופן פאַרפלויגן. . .

און פלוצלינג — פון שייער פון זיכרון
עס טויכן אויף מיינע רייפע זיג־זאַגישע יאָרן,
מיט פויגל פלאַטער ליכטיק צעהעלט
עס קומט אָן צוגאַסט מיין שטורמישע וועלט —
מיט יאָרן פון קאַמף, פון דראַנג, און נסיונות
דער פרילינג פון געוואַגטע חָלומות. . .

מיין נשמה אין געראַנגל
פון סתירות צעריסן,
איך לערן פון די אוצרות
פון שייער פון וויסן
די מיסטעריע „לעבן״ איך זוך צו פאַרשטיין
צווישן פאַרנעפּלטע וועגן
איך זוך ברעקלעך פון שיין. . .

און פּלוצלינג ווי אַ בליץ
אין אַ פינצטערער נאַכט
צו די ליידן פון פאָלק
ס'האָט מיין האַרץ דערוואַכט.

פון אַ וועלט אַ פאַרשקלאַפטער
פון הונגער, נויט און פּיין
דערהערט דעם מעכטיקן געוויין. . .

דעם טיפן זין פון לעבן
האָב איך דאַן באַנומען. . .
אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט
ס'האָט מיין צעברויזטע נשמה
א תיקון געפונען. . .

* * *

מיט פעסטן טראָט מיר שפאַנען
אויף גורל'דיקע שליאַכן,
אויף דאָרניקע שטעכיקע וועגן,
פון אַלע געפאַרן מיר לאַכן,
דעם שטראַליקן מאָרגן מיר גייען אַנטקעגן!

און שטאַרק און מוטיק איז אונדזער גלויבן
פון ליידן און האָפנונג געשפונען:
כאָטש די פרייהייט טוט זיך זוימען —
דאָך — זי וועט זיכער קומען. . .

נאָך יאָרן פון קאַמף
האָט זיך אין מזרח צעהעלט
אַ ליכטיק רויטער שטערן
איינציק אין דער וועלט!. . .
מיט אַ מעכטיקן רוף
האָבן זיך גלעקער צעקלונגען,
אויף די העכסטע טענער
האָבן זיך פעלקער צעזונגען:
פרייהייט! — פרייהייט!

מיליאָנען הערצער האָבן דעם רוף אויפגענומען,
געטראַכט: אפשר איז טאַקע משיח שוין געקומען?
אַ נייע האָפנונג ס'האָט מיט פרייד זיך צעבליט
ביים אַממייסטן געפּלאָגטן — ביי דעם אָרימען איד. . .

נאָר ס'האָט דער רויטער שטערן
אַ שרעקליכן מאָנסטער געבוירן. . .
מיט פייער און שווערד
ער שפּאַנט איבער דער וועלט
אַלע באַזיגטע פעלקער אויף די קני געשטעלט!. . .

. . . און עס פאַרציען די פעטליע
אַרום דער פרייהייט אַלץ ענגער
די מלאכים פון שלום. . .
די בלוטיקע רויטע הענקער!
אין קייטן געפענטעט,געשענדעט, באַשפּיגן
די פרייהייט טוט ליגן. . .

שטיי איך איצט ביים ראַנד
פון פינצטערע תהומען
אויף די אָפּגרונטן ליגן
אַלע ליכטיקע טרוימען. . .

וואָס האָבן דאָס לעבן באַפליגלט, דערהויבן. . .
מיט אַ בליק אַ פאַרווירטן
איך זוך כאָטש אַ שאָטן
פון מיין דערמאָרדעטן גלויבן. . .

ניו־יאָרק 1954

איך בין

איך בין
אַן אָפּגעבראָכענער צווייג
פון אַ מעכטיק־דעמבענעם שטאַם
געשליידערט פון שטורמישע כוואַליעס
אויף אַ צאָרניק־צעברויזטן ים.

אין חושך פון גאָט׳ס באַראָט
געשמיסן פון רוצחישע ווינטן —
ביז די טיפסטע אָפּגרונטן —
איך זינק — און טויך אויף אויפסניי
אַ גרין־באַבליעטערטער צווייג
אויף אַ צעבליטן בוים אין מיי.

*　*　*

״איך בין״
אַ חלום — אַ ליכטיקער טרוים
מיט פויגל־פלאַטער איך פלי
צום שטראַליקן אויפגאַנג אין נגב,
צום מזרח אין זוניקן גלי.

אין שטערן קרייז פון זילבער בלוי
איך גלי מיט אַן אייביקן פלאַם
אין כמאַרנע נעכט און ווינט געוואָי,
איך וואַך איבער מיין אייביקן שטאַם
איבער מיין וווּנדער לאַנד — ישראל.

ניו־יאָרק 1956

מיין מאַמע׳ס דין־תורה

טיף אין די בלויע הימלישע ווייטן
האָט אַ מערב שקיעה זיך העל רויט צעצונדן,
און באַלויכטן די טויערן פון גן־עדן
וווּ די ליכטיקע נשמה פון מיין הייליקער מאַמען
איז אויף אייביק פאַרשוווּנדן. . .

ליכטיקע מלאכים קומען איר אַנטקעגן:
אירע מעשים — מ׳דאַרף זיי ניט מעסטן און וועגן. . .
פון אירע מצוות ס׳האָבן מלאכים געפלאָכטן קרוינען
פאַר דעם העכסטן היכל וווּ די שכינה טוט וווינען. . .

אַ גאַלדענע שטול איז פאַר מיין מאַמען דאָרט געגרייט
נאָר עס וויל די צדקת אין גן־עדן ניט גיין. . .
זי וויינט מיט בלוטיקע טרערן —
זי וויל דער באַשעפער זאָל זי פריער אויסהערן. . .
פירן איר די מלאכים צו דעם הייליקן בורא
מיט וועלכן זי האָט אַ דין־תורה:

אָ, גאָט! ווען אויף דער וועלט האָט געהויערט
אַ לאַנגע פינצטערע נאַכט
האָב איך שרה בת חנה
צען עקידות אויף דעם מזבח געבראַכט!!
און דו גרויסער גאָט מיט דיין רחמים׳דיקן בליק
האָסט אַלעס געזען — און קיין מלאך ניט געשיקט!

ווען די גלאָקן פון טויט האָבן רעשיק געקלונגען
האָבן מלאכים אין די הימלען דיר שירה געזונגען. . .
ווען די ברוינע מערדער האָבן מיט פרייד
די קינדערשע קעפלעך געשפּאָלטן
האָסטו גרויסער „אָב־הרחמים״
אין די ווייטע הימלען זיך באַהאַלטן!!!

זייער לעצטן שמע־ישראל
ניט באַוויליגט צו הערן
ניט געזען דעם ים פון בלוטיקע טרערן,
געלאָזן די הענקער דיין פאָלק אויסשעכטן
ווו ביסטו געווען מיט דיין משפט דעם גערעכטן?!!

אָ, דו געקרווינטער „אל רחום וחנון”!!!
אין אַלע הימלען דיך געזוכט.
אין גלי פון ליכטיקע זונען,
אין שיין פון די אוישוויצער פלאַמען —
נאָר אין ערגעץ דיך ניט געפונען. . .
ווו אָ, גאָט ביסטו פאַראַנען?. . .!

ווין 1946

גאָט׳ס ברכה

ניט מקיום איז געוואָרן, אָ, גאָט דיין הבטחה,
וואָס געגעבן האָסט די אָבות מיט אַ הייליקער ברכה,
אַז דיין אידיש פאָלק וועט זיך פרוכטפערן און מערן
ווי די זאַמדן אויף דער ערד, ווי אין הימל די שטערן. . .

מיט דעם בלוט פון דיין פאָלק אַלע זאַמדן דורכגעווייקט...
מיט דעם אַש פון זייערע גופים די פעלדער פאַרזייט.
אין די פאַררויכערטע הימלען זייער שמע־ישראל פאַרשווונדן
פון די אוישוויצער פונקן נייע שטערן זיך צעצונדן
זעקס מיליאָן נר־תמידס. . .

מיט איכה תפילות, טיפן פיין
עס בליצט און לעשט זיך
שטערן־שיין
בלינקען טרויעריק צו
צו די זאַמדן אויף דער ערד;
ווו עס האָבן די ברוינע הענקער
גאָט׳ס ברכה צעשטערט. . .

ניו־יאָרק 1953

אַ משיח וויזיע

אַ זוניק צעשטראַלטער פרימאָרגן
די לופט איז שאַרף און קלאָר
צופוסנס די בערג — מיט פאַרמאַכטע אויגן
איך חלום אויף דער וואָר. . .

פון ווייטע זוניקע פליינען
כ׳פאַרנעם ווי אַן עכאָ פון טריט
ס׳דערוואַכן אוראַלטע טרוימען
אין מיין פריידיק צעברויזטן געמיט.

אין מיין צעגליטן דמיון כ׳זע פעלדער
מיט שפע צעכוואַליעטע לאַנען
און צווישן בייטן מיט דופטיקע בלומען
לאַנגזאַם, אַן אייזל מיט אַ רייטער טוט שפּאַנען.

איך ברען ווי דער סנה פון דערוואַרטונג;
אין מיין האַרצן אַ ניגון טוט ברומען;
כאָטש לאַנג ס׳האָט געזוימט זיך דער גואל
איז אפשר די שעה איצט געקומען?. . .

עס שאַלן די שופרות פון גאולה
מיט אַן אָנזאָג פון ליכטיקע טעג. . .
ס׳האָט גאָט דערהערט אונדזער תפילה
עס שפּאַנט שוין דער גואל אין וועג. . .

און ס׳האָבן בשורות ווי זוניקע שטראַלן
מיט פרייד די וועלט אָנגעצונדן;
נאָר אין געפלעכט צווישן בערג און טאָלן
איז דער רייטער שפּורלאָז פאַרשוואונדן. . .

יולי 1985

יאָרצייט נאָך מיין מאַמע

היינט איז יאָרצייט
נאָך מיין הייליקער מאַמען;
מיט שטילע תפילות
אויף אירע ברענענדע ליפּן
איז זי אין אוישוויצער פייער פאַרגאַנגען.

ס'האָבן די פלאַמיקע רויכן
ווי אַ פייערדיקער וואָגן
אירע לעצטע תפילות —
צום כסא־הכבוד דערטראָגן.

און ס'האָט די פאַרפּייניקטע נשמה
פון מיין פאַרברענטער מאַמען
זיך פאַר דעם „רחום וחנון" געשטעלט;
ווי אַ פלאַמיקער דאָרן
אין גרויליקן צער און צאָרן
זי מאָנט איצט דעם חשבון
פאַר אירע קינדערס פאַרשניטענער וועלט. . .

אָ! מאַמע! שוין אַזוי פיל יאָרן
דו ביסט פון מיר אַוועק
איך טראָג דיך אין מיין האַרצן
אויף יעדן וועג און שטעג.
ווען ענג איז מיר געוואָרן
די גרויזאַמע וועלט
ס'האָט דיין ליכטיקער שמייכל
דעם חושך צעהעלט.

ווען געשליידערט פֿון שטורמישע כוואַליעס
כ׳האָב געזוכט אַ ברעג צו אַנטרונען
ווען שווערע פֿינצטערע כמאַרעס
האָבן לויטערע הימלען פֿאַרשפּונען.
מיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דיין ברוסט
כ׳האָב דעם זיכערסטן האַפֿן געפֿונען.

אָ, מאַמע! ס׳איז דיין יעדער כישוף ניגון
אויסגעזונגען ביי מיין וויגל
אויף אייביק אין מיין בלוט אַריין
ווי אין חלום פֿאַרוויגט מיך נאָך היינט
מיט אַ ליכטיקער פֿרייד.

ס׳האָט דיין ליבשאַפֿט און חכמה
מיר פֿליגל געגעבן
צו קעמפֿן געגן אַלע שטורעמס פֿון לעבן
אויף אַלע נע־וונדן אין שלאַקסן און ווינט
איך הער דיין שטילן פֿליסטער:
שרעק זיך ניט מיין קינד. . .

אין אַ שטילן בן־השמשות
ביים ראַנד פֿון וואַלד
ס׳טויכט אויף ווי אין אַ חלום דיין הייליק געשטאַלט
אַזאַ ליכטיק־צעשטראַלטע מיט בלויע הימל אויגן
סאַמעט־שוואַרצע האָר, אַ שמייכל פֿול מיט חן
אָט אַזאַ ביסטו אויף אייביק אין מיין האַרץ אַריין. . .
אָ, מאַמע! ביז מיין לעצטן פֿאַרגיין דו וועסט מיט מיר זיין.

מאָדהערס־דעי — מוטערס טאָג

אַ ליכטיק זוניקער פרימאָרגן
אויף דער שטאָט זיך שפרייט:
עס אָטעמט מיט פרילינג
אויף די רחבותדיקע גאַסן.
אַ בשורה פון יום־טוב
טוט אַלעמען דערמאָנען —
אַז מ׳דאַרף היינט ליב האָבן דער מאַמען. . .
עס איז מאָדהערס־דעי היינט!

שטראָמען מענטשן־קינדער
פון דער בשורה באַנומען
איי! מ׳וועט היינט דער מאַמען שיקן
דעם שענסטן בוקעט בלומען. . .

אַ צעווייטיקטע שפּאַן איך
אין דעם מענטשן שטראָם אַליין
אין די אויגן פינצטער, כ׳זע קיין ברעקל שיין.
און עס טויכן אויף קאָשמאַרן
פון אַ וועלט אין פלאַמען,
פון אויוונס ווו עס ברענען אידישע מאַמעס!. . .
ווי צעשטורעמטע כוואַליעס אויף ברויזענדע יַמען
עס פלאַקערט אויף די בענקשאַפט
נאָך מיין פאַרפייניקטער מאַמען. . .

און עס טראָגט מיך מיין צעווייטיקט האַרץ
אויף ברעקלעך פון זיכרון
צו די בלוטיקע שליאַכן
פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. . .

. . . אָט זע איך זיי אַלע די שאָטנס פון דער וועלט,
די אידישע מאַמעס מיט די עופּעלעך אויף די הענט.
אַ מיליאָניקע מאַסע אויסגעווייקט אין בלוט
באַוואַכט פון ברוינע מערדער
אין אַן אייזערנעם קלעם
עס שפּאַנען אידישע מאַמעס אויף קידוש השם!
און אויף דעם בלוטיקן מאַרש מיט אַלע צוזאַמען
עס טויכט אויף דער שאָטן פון מיין הייליקער מאַמען. . .

און עס האָבן בלומען געבליט,
און די זון האָט געשיינט
פונקט אַזוי ווי היינט. . .
און ס'האָט אַ רשעות'דיקע וועלט
געזען און געשוויגן
ווי מ'האָט מיליאָנען אידישע מאַמעס
צו דער שחיטה געטריבן. . .

עס איז מאָדהערס־דעי היינט. . .
אוי וואָלט איך געוואָלט היינט
מיין מאַמען בלומען שיקן,
ווייס איך ניט וווהין האָבן די מערדער
געטאָן זי פאַרשיקן — צום פאַרברענען — דערשטיקן?

אָ מיין הייליקע מאַמע!
אין וועלכע גאַז־קאַמער
האָסטו גאָט געזוכט
מיט דיינע לעצטע בליקן?!
איז עס טרעבלינקע, מיידאַנעק,
אוישוויץ, פּאָנאַר? —
און אפשר גאָר באַבי־יאַר?. . .

עס איז מאָדהערס־דעי היינט!
אַ יום־טוב ביי אַלע מיינע פריינט. . .
און איך פיל ווי דער גאַנצער תהומיקער צער
פון אוישוויץ, מיידאַנעק, פּאָנאַר,
דער קוואַל פון דורות פּיין, יסורים און טרערן
וועט ברעכן אַלע צאַמען, אַרויס פון מיין האַרצן
און ווי שטורמישע ימען
פאַרגיסן די רוצחישע וועלט
מיט דעם קין־צייכן אויפן שטערן!. . .

עס איז מאָדהערס־דעי היינט;
בין איך היינט אַלעמען מקנא,
אפילו די וואָס האָבן כאָטש
אַ קבר פון אַ מאַמע. . .
און איך חלום פון טוליען זיך צו אַ שטיין
אַוו פאַרקריצט זאָל זיין
דער נאָמען פון מיין מאַמע. . .

און ביי דעם שטיין אויספּיבערן
פון מיין צעווייטיקטער נשמה
כאָטש אַ טראָפּן פון מיין צער און פּיין. . .
און מיט ליפּן פאַרשמאַכטע, צעווייטיקטע, שטילע
מורמלען אַ הייסע תפילה. . .
אָ, גאָט! ווו איז ערגעץ אַזאַ קדיש פאַרשריבן
נאָך אַ מאַמע, וואָס קיין זכר איז פון איר ניט פאַרבליבן?

מיי 1984

קדיש

ווען ס׳האָט דער מבול פון בלוט און טרערן
פאַרפלייצט די ערד, די זון און שטערן,
ווען די לעצטע טרער פון זעקס מיליאָן
האָט דעם עמק־הבכא פאַרפילט
און די העלישע אוישוויצער פלאַמען
האָבן די פראָסטיקע הימלען צעגליט;

ווען דער „שמע ישראל״ פון ברענענדע קדושים
האָט צעשטורעמט דעם העכסטן הימל,
האָט דער אַלטער גאָט
דערוואַכט פון זיין טיפן דרימל;
פאַרשאַרצט זיין גרויע ברעם
און אין טייכן פון בלוט און פייער
אין בערג פון אַש אין אוישוויץ פאַרברענט
זיין „אויסדערוויילט פאָלק״ דערקענט. . .

ווען אין הייליקע שמות געהילט
ס׳האָבן נשמות פון געקעפטע קינדער —
אַלע הימלען פאַרפילט —
זיך צום כסא־הכבוד געטראָגן
האָט זיך אויפן ראַנד פון טויטן־קרייז
פון אַ בין־השמשותדיקער וועלט
אַ פאַר׳אָבלטער גאָט זיך געשטעלט
נאָך זיין פאָלק קדיש זאָגן. . .

ווין 1946

„אַ מאַמע״ דער אייביקער פענאָמען

ניט אין אינדישע פּאַלאַצן
ניט אין שלמה המלכ׳ס מינען
נאָר אין דעם אַלף־בית פון דער שפּראַך
וואָס מיין פאָלק האָט פאַרשפּונען
האָב איך דעם גרעסטן אוצר געפונען:
דאָס צויבער־וואָרט „מאַמע״.

אָ, מאַמע! דו ביסט דער בראשית
פון דעם מענטשליכן מין
ס׳האָט דיין שמייכל באַשאַפן
די ליכטיקע זון.
מיט אַ שטראַליקער גוטסקייט
טיף ווי דער יַם
גענערט האָסטו דורות
פון מענטשליכן שטאַם.

דעם חלום פון ליבשאַפט
האָסטו דער וועלט געגעבן
דו ביסט די העלדין פון דער דראַמע
וואָס הייסט „לעבן״.
ס׳האָט דיין ברוסט גענערט
אַלע מענטשן־קינדער
אָ, מאַמע! דו ביסט דער וועלט׳ס
גרעסטער וווּנדער!. . .

נאָר די גרעסטע העלדין פון דער וועלט־דראַמע
דאָס ביסטו — מיין „העלדישע אידישע מאַמע״ —
וואָס האָט אויפן וועג צו די אוישוויצער פלאַמען
מיט פאַרברענטע ליפּן געפליסטערט: „אַני מאמין״.

איבער אַלע הייליקייטן
ווי אין אַ גאָלדענער ראַם
דו שיינסט איבער דער וועלט
מיט דעם העלסטן פלאַם!
דו — מיין באַזונגענע „אידישע מאַמע״!

ניו־יאָרק 1986

אויף אַ בית־הקברות פון ,,צהל׳׳

קָדוש, קָדוש, קָדוש — דאָס איז דאָס וואָרט
וואָס טראָגט זיך אין חלל:
טו אויס דיינע שיך, ווייל הייליק איז דאָס אָרט,
דאָ רוען קדושים פון ,,צהל׳׳...

ביים קבר פון אַ פליער
צעבראָכן איינגעבויגן —
צוויי שאָטנס — טאַטע־מאַמע...
אַ שטראָם פון בלוטיקע טרערן
פליסט פון זייערע אויגן.
ס׳ווערן טייכן פון די שטראָמען
פון די טייכן יַמען — בלוטיקע אידישע יַמען...

און ס׳הערט זיך אַ געשריי
פון דער צאַנקענדער מאַמע:
אוי מיין קינד! מיין טייער איינציק קינד!
אָ גאָט! פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד?

ווי אַן אָדלער זיך געטראָגן
אין הימלישן פלי,
און פאַרגאַנגען ווי די זון
אין איר שענסטן גלי...
געבליבן בלויז אַן עכאָ
פון אַ שאַליק ליד
אָפּגעהאַקט אין דער מיט...

און עס יאָמערט דאָ אַ טרויער
טיף ווי די תהומען,
נאָך אַ פאַרשניטענער יוגנט
וואָס געוואַגט האָט טרוימען
פון אַן אייגענער היים...

ישראל 1982

די מאַמע אידיש

מיט אַ ירושה פון דורות
אויף די אַקסלען צוגעשמידט
אויף וועגן חרובע, צעשטערטע
אַדורכגעווייקט מיט בלוט
עס שפּאַנט די מאַמע אידיש
מיט שוואַכע מידע טריט. . .

אונטער לאַסט פון דורות געבויגן
אויפן האַרצן שטייניק שווער,
אויף די וויעס פון מאַטע אויגן
הענגט אַ הייסע טרער.

אין אַלע טיגלען פון גהינם
מיט פייער דורכגעגליט
אויף איר אָרעם אַ נאַצי סטעמפּל —
דו ביסט אַ איד!

דורך לאַנגע גלות־מיילן
דורך בערג און בונקער היילן
שפּאַנט זי די מאַרטירערין פאַרטראַכט:
פון דעם ווייטן גאָלדענעם פרילינג —
פון פאַר דער „ברוינער קריסטאַל נאַכט״. . .

ווען פון אַן עלענדער אָרעמער שיפחה
וואָס האָט מיט „זשאַרגאָן״ געהאַנדלט
האָט זיך ווי אין צויבער לעגענדעס
אין אַ קעניגין אידיש פאַרוואַנדלט. . .

ווו אויף גאָלדיק זוניקע פליינען
אַזוי רחבותדיק צעשפּרייט
האָט זי די ווונדער אוצרות „אידיש״
מיט ליבע געפלאַנצט און געזייט.
פאַר דורות פון אידישן פאָלק
אַ רייכע ירושה געגרייט. . .

און עס האָבן זיך פונקען צעהעלט
אין „היימיש ליכטיקע פלאַמען״ —
וואָס האָבן ווי בליציקע שטראָמען
באַלויכטן די „אידיש וועלט״.

און זי חלומט פון הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער״
מיט די צעכוואַליעטע גאָלדענע זאַנגען,
פון אָפּאַטאָשו׳ס „פּוילישע וועלדער״
ווו דער בעל־שם איז אויף היתבודדות געגאַנגען. . .
און אויסגעשפּילט האָבן דאָרט דורות
דאָס שטאָלצע אידישע ליד
איך בין אַ איד!

דערנאָך האָבן אידישע הימלען
זיך פאַרזייט מיט פינקלענדע שטערן
און צעלויכטן ווי די גרויסע בערן;
שלום אַש און גלאַטשטיין, און לייוויק און ליעסין,
און דער יונגער מוסרניק — דער גרויסער חיים גראַדע,
אויך דער צעזונגענער איציק מיט דער „גאָלדענער פּאַווע״
מיט אַלע חנען פון זיין „מאַנגעריאַדע״.

און ס׳האָבן דורות געשמידט די רינגען
צו פּרצ׳עס „גאָלדענער קייט״,
וואָס האָט זיך געצויגן ווייט און ברייט —
איבער גרעניצן און יַמען,
אין שטורעמס און העלישע פלאַמען
מיט ביטחון אין האַרצן געפיילט און געשמידט
די ווונדער סימפאָניע פון אידישן ליד. . .

איצט שפּאַנט זי די מאַרטירערין
דעם קאָפּ הויך געהויבן
מיט האָפנונג אין האַרצן
מיט אַ נייעם גלויבן.
זי קומט צו דער אידישער מדינה
אויפסניי פאַרזייען די זאָמען פון אידישער נגינה. . .

אָט דאָ וועט די ,,מאַמע אידיש״
אַ נייעם פּאַקל צינדן
וואָס וועט ברענען און לייכטן
ווי אַ זוניקער שטראַל
און פירן צוריק צו דעם אייביקן קוואַל.

אָט דאָ וועט זי ווייטער דעם גאָלדן פאָדעם שפּינען
פון דעם גלאָררייכן נעכטן מיט אַ נייעם באַגינען!
און ווידער וועלן בליען די גאָלדענע זאַנגען
און ווידער וועלן שאַלן די מעכטיקע קלאַנגען
פון דעם שטאָלצן אידישן ליד;
איך בין אַ איד!

זיי געגריסט טייערע מאַמע אידיש!
ניו־יאָרק 1968

מיין מאַמע

אַ וויזיע

עס טרעפט אין מינוטן צעווייטיקטע שטילע
כ׳דערזע דאָס געשטאַלט פון מיין מאַמען אין דמיון
— אירע הענט אויסגעשטרעקט ווי צו אַ תפילה
דערזע איך זי פליען אין די ענדלאָזע הימלען.

כ׳דערקען אירע אויגן די תכלתדיק־בלויע
פול מיט צער איז איר בליק מיט נעפל פאַרצויגן
איר פנים — שניי־ווייס באַדעקט מיט טיפן טרויער,
אונטער אַ זיידענעם וואָל אירע שוואַרצע האָר צעפלויגן.

גראַציעז ווי אַן אָדלער זי שוועבט אין די רוימען
אַ באַשטראַלטע מיט פורפור פון די לעצטע שקיעה פלאַמען,
באַלד פאַרגייט, לעשט זיך אויס דאָס ליכט פון מיינע טרוימען
— דאָס הייליקע געשטאַלט פון מיין פאַרפייניקטער מאַמען. . .

צו אַ פריינט פון שארית הפליטה

ווען שווערע וואָלקנס ווי בליי
האָבן אַלע הימלען פאַרצויגן
און אונטער דער לאַסט פון טרויער
דו שפּאַנסט גרוי און געבויגן, —

ווען ספיקות אין הייליקע דאָגמעס
נאָגן ווי פּיאַווקעס דיין מוח,
און עס זוכט דיין מחשבה אַן אָנשפּאַר
ווייל גלויבן ביסט מער ניט בכוח. . .

הויב אויף דיינע אויגן צו הימלען
צעשטראַלטע מיט גאָלדן שיין
און סנאָפּעס זוניקע שטראַלן
באַהאַלט טיף אין האַרצן אַריין.
ווען ס׳וועט אומעט און טרויער באַפאַלן
וועט אויפגיין פון האַרצן אַ שיין. . .

ווען אַ ליאַווע פון האַס און שנאה
פאַרניכטן וויל דיין געביין
און דער טרויער טיף ווי די נאַכט
גריזשעט דיין לייב ביזן ביין,
ניט פאַרצווייפל מיין פריינט
און ניט וויין!

בליק אַריין אין דיין גלאָררייכן עָבר
און שעפּ זיך אָן מיט ביטחון
לערן די רייד פון דעם נביא —
אַז קומען וועט דער טאָג פון ניצחון!

און אַ נייער קוואַליקער גלויבן
וועט צעפלאַמען דיין טרויעריק געמיט
אין דיין צעברויזטער נשמה
וועט אויפשאַלן אַ נייע ליד.
אָ! הער ווי עס ריזלען די שטראָמען
וואָס טוען די וואָרצלען נערן,
אונדזער פאָלק — די דעמבענע שטאַמען,
וועלן קיינע שטורעמס צעשטערן!

ווין, עסטרייך 1946

דער כוח פון אידישן וואָרט

מיט דורות צער און פּיין
פאַרזייט איז געווען מיין וועג
ווי שאָטנס — געהיימע גורלות
האָבן באַגלייט מיינע האַרבסטיקע טעג

און געגאַרט האָט מיין האַרץ נאָך אַ חלום
פון אַ ליכטיקן טרוים כאָטש אַ שיין
פון וועלכן אין טעג פון געראַנגל
צו שעפּן כוח פאַר „זיין״.

ביז אין לויטערן קוואַל פון מחשבה
כ׳האָב דאָס וווּנדער פון „אידיש״ געפונען
ווי אין בלענדיק־זוניקע שטראַלן
ס׳זענען די פינצטערע נעפּלען צערונען. . .

און ס׳האָט דאָס הייליקע אידישע וואָרט
מיך צו שטראַליקע הויכן דערהויבן
פאַרזייט אין מיין ברוּיזנדן האַרץ
אַ נייעם שטראַליקן גלויבן.

ס׳האָבן זיך ווערטער
ווי פּערל אין שורות
צעבליט ווי קנאָספּן אין בלומען
און די זוניקע פרייד פון שאַפן
האָט מיט ליכט מיינע וועגן פאַרשפּונען
און דעם כוח פון אידישן וואָרט
ס׳האָט מיין לעבן אַ תיקון געפונען.

מיאַמי 1983

,,דאָס הויז פון אייביקן שלום״. . .

נאָך יאָרן פון מאָרד און בלוטיקן קריג
אין אַ טראַגיש חרובער וועלט
ס׳האָט אַ טרוים זיך ליכטיק צעהעלט
פאַר דער געפּלאָגטער מענטשהייט —
ס׳האָט אויפגעבליצט
דעם נביא׳ס חלום
צו בויען אַ וועלט פון שלום. . .

ביי די טייכן פון ,,בבל״
מ׳האָט אַ הויז אויפגעשטעלט. . .
פאַר דער ליידענדער מענטשהייט
פון דער גאָרער וועלט.
,,פאַראייניקטע פעלקער״
אַ פאַנטאַסטישער נאָמען !
דאָרט פאַרפלאַנצן די זאָמען
פון אייביקן שלום. . .

און ס׳האָבן די ,,שענסטע באַלעבאַטים״
פון דער גאַנצער וועלט
גלייך אין דינסט
פון ,,שלום״ זיך געשטעלט. . .
טעג און נעכט מען דעבאַטירט,
מען רעדט און דיסקוטירט,
אָן אַ סדר, אָן אַ טאָלק,
דאָרט וויגט זיך דער גורל איצט
פון אידישן פאָלק. . .

ענדליך זיך געאייניקט:
מ׳ציילט שוין די שטימען,
אַ היסטאָרישע רעזאָלוציע
ס׳האָט די ,,אונא״ אָנגענומען —
וואָס שטעלט אַלעמען צופרידן:
,,מ׳דאַרף פּטור ווערן פון די אידן״ !
דאַן וועט קומען
דער אייביקער פרידן. . .

זיצן זיי אַלע די „פּרעדיקער פון שלום״
אויבן ביי דער מיזרח וואַנט
יעדער פון די שאַקאַלן
מיט אַ ביקס אין דער האַנט,
מערדער אין ריכטער טאָגעס
פון אַלערליי פאַרבן
משפטן דעם קרבן —
פאַרוואָס ער וויל ניט שטאַרבן!!

אין דעם אייביקן גערעאַנגל
איך שטיי איצט אַ פאַרווירטע,
פון אַלע פאַלשע נביאים אַ פאַרפירטע.
אין דעם בלוטיקן תוהו־ובוהו
פון די היינטיקע טעג
און איך ווייס ניט מער
וואָס מ׳טאָר ניט,
און וואָס מען מעג. . .

פאַרווישט איז די גרענעץ
פון אמת און ליגן,
דער אייביקער חלום
צעשטערט און באַשפּיגן.
אין דעם אַרומיקן חושך — דו זעסט אַזוי קלאָר
די טראַגישע וואָר:
די וועלט אַ נאַקעטע — אין אַנגסטן און זאָרגן
און עס הויערט דאָס געשפּענסט פון אַטאָמישן מאָרגן.

ס׳האָט דער פעלקער פרילינג
אַ ווינטער שטורם געבוירן
דער פלאַמיקער חלום פון נביא
אין געדיכטע נעפּלען פאַרלוירן.

אַלע שלום זוכער
זיי צישן מיט שלאַנגישער שינאה
און באַוווּנדערן מיט גיפטיקער קינאה
דאָס קליינע לאַנד ישראל
וואָס בליט און קעמפט
פאַר דעם אייביקן שטראַליקן חלום
פאַר אַ וועלט פון אמתדיקן שלום.

מיין ערשטע ראַנדעוואו

מיט אַ קפיצת־הדרך
וואָס האָט נאָך קיינער ניט דערפונדן
אויף אַ שטראַל פון זיכרון
וואָס האָט העל זיך צעצונדן
איך פלי אַ צעפלאַמטע
אין מיין אויסגעבענקטן טרוים
צו מיין אַלטער היים. . .

צו דעם ליכטיקן באגינען
פון מיינע יוגנט יאָרן
דאָרט, וואו איך האָב מיין גליק געפונען
— וואו איך האָב מיין גליק פאַרלאָרן. . .

און אָט דערזע איך מיין היים
וואו איך האָב מיינע ערשטע טריט געשטעלט
וואו אַנטפלעקט האָט זיך פאַר מיר
אַ ווייטע וואונדער וועלט. . .
וואָס האָט מיך אַ יונגע טרוימערין
אויף אַ ראַנדעוואו גענומען.
צעעפנט ברייט די טויערן
איך זאָל מיין וועג געפינען.

ווי אַ צעברויזטער שטורעם איך טראָג זיך
צו די אויסגעטרוימטע ווייטן
נאָר אַזוי פיל סטעזשקעס אָן אַ צאָל
אַהינצו זיך שפרייטן. . .

שפּאַן איך אַ באַרוישטע
צו דעם פרײדיק־זוניקן מאָרגן;
אויף װעלכע פון די װעגן
איז מײן גליק פאַרבאָרגן?...
אויף װעלכן שליאַך פאַרקירעװען?
איך טו ביים גורל פרעגן,
עס שװײגט די װעלט אַ שטומע,
ס׳קומט קײנער נישט אַנטקעגן...

אַ פאַרלאָרענע איך בלאָנדזשע
ביז ס׳קומט אָן די נאַכט אַ שטילע...
איך הױב מײן בליק צום הימל
און פליסטער שטיל אַ תפילה:

העלפט מיר, אָ געטער
אין די פאַרבאָרגענע רוימען!
איר געניאַלע מײסטער
מיט די קאָסמישע קרוינען,
איר אוראַלטע שמידער
פון מענטשליכע גורלות
שפּינער פון חלומות, טרוימען, מזלות...

אין די הימלען שטערן צעבליצטע פינקלען
מיט אַ שימער אַ זילבעריק־בלויען
פרײליך צעשטראַלטע
צו מיר װינקען:
זײ װילן מיר סודות פאַרטרויען...

האָב איך אַ יונגער װאַנדערער
פון שטערן ליכט געפאַנגען
צום הימל זיך אַ לאָז געטאָן —
און ביז הײנט ניט דערגאַנגען...

ניו־יאָרק 1975

קינדער יאָרן

מיט אַ פערלדיקן שימער לייכט אויף אין מיין זיכרון,
אַ זומערדיק צעשפילטער טאָג פון מיינע קינדער־יאָרן.
איך זע מיין טייערע מאַמע ביי דער אַרבייט אין הויז,
עס טוט איר פנים שיינען — זי בליט ווי אַ שיינע רויז.
אָט אַרבייט זי אין גאָרטן, אָט פאַרבט זי די ווענט,
עס ווערט פאַרפלאַמט די אַרבעט אונטער אירע צאַרטע הענט.

און אין מיצקע־דרינען פלוצלינג — ווי אַ זומערדיקער רעגן —
איך פאַל אַריין אין הויז — און גלייך — איך הויב אָן פרעגן...
פונוואַנען קומט אַ רעגן? ווי אַזוי וואַקסן בלומען?
ווי אַזוי טרעפן די פייגעלעך דעם וועג צוריק צו קומען?
און פאַרוואָס? און ווי אַזוי? און ווהין? און פונוואַנען?
קושט מיך אַזוי האַרציק מיין יונגע שיינע מאַמע:

אוי מיר זאָל זיין פאַר דיר — מיין אוצרל — מיין קינד!
איך קען דיר ניט דאָס אַלעס דערקלערן אַצינד. . .
ווען דו וועסט עלטער ווערן און אין שולע גיין
וועסטו דאַן, מיין טייער קינד, דאָס אַלעס פאַרשטיין. . .

נאָר איך אַ יונגע שטיפערקע — און אַ שטאַרק טשיקאַווע,
— מסתמא אַ ירושה נאָך פון אונדזער מוטער חוה. . .
בלייב איך שטיין פאַרטראַכט. עס טוט מיך שטאַרק פאַרדריסן,
אוי! ווי איך וואָלט וועלן שוין איצט דאָס אַלעס וויסן. . .

* * *

ס'האָבן שמידער פון מיין גורל
אַ געהיימען שיפער געשריבן,
אין אַ לאַנגן וואַנדער־וועג
מיך פון לאַנד צו לאַנד געטריבן.
אויף שליאַכן פון לעבן
מיין יוגנט פאַרלאָרן
חכמות פיל געלערנט —
נאָר קיין „שלמה" ניט געוואָרן. . .

מיט פראַגן בין איך איצט נאָך
פול ווי אַ ברונעם,
נאָך היינט איך וויל פאַרשטיין
פון בראשית דעם זינען. . .
נאָר ביז היינט קיין באַשייד
אויף קיין איינער ניט געפינען. . .

ניו־יאָרק 1970

די תפילה פון אַ קינד. . .

אין אַ רעגנדיק שלאָפלאָזער נאַכט
איך ליג און עס בליצט אויף אין מיין זיכרון
אַזאַ גרויליק פינצטערע נאַכט
פון מיינע קינדער יאָרן. . .

אין דרויסן — אַ מבול פאַרפלייצט די וועלט —
דונערן און בליצן קנאַלן; —
ווי טויזנט שאַקאַלן —
עס פייפט און יאָמערט אַ ווינט,
און איך אַ מורא׳דיק צעשראָקן קינד
טראַכט: עס ווערט חרוב די וועלט אַצינד!

שוואַרצע שאָטנס טאַנצן
אויף די ווייס געקאַלעכטע ווענט;
אַלע שדים פון דער וועלט
איך האָב אין זיי דערקענט. . .
עס רייסט דער שטורם דיביימער מיט די שטאַמען,
יעדער בליץ צינדט אָן דעם וואַלד מיט פלאַמען. . .

מיט אַ שוידער געוויין
איך הער די ביימער כליפּען
און אויף מיינע ליפּן
שוועבט אַ הייסע תפילה:
האָב רחמנות גרויסער גאָט!
ראַטעווע די וועלט אַצינד!

הער צו די תפילה פון אַ קינד —
איך האָב חרטה אויף אַלע מיינע זינד. . .
און איך וויין מיט ביטערע טרערן;
אַזאַ שיינע וועלט — אָ גאָט
טו זי ניט צעשטערן. . .

פון שרעק עס צאַפּלען אַלע מיינע גלידער
איך פּליסטער מיין געבעט ווידער און ווידער:
גאָט אין הימל! טו אונדז ניט באַשטראָפן
און איך וויין און וויין — און ווער אַנטשלאָפן...

עס האָט אַ יונגער זון־שטראַל
זיך צעשפּילט אויף מיין געזיכט
איך עפן די אויגן — אַ שטוב פול מיט ליכט!
דורך דער זוניקער שויב
עס וואָרקעט אַ ווייסע טויב:
שטיי אויף מיין קינד,
ס׳האָט גאָט פאַרגעבן אַלע דיינע זינד...

מיט אַ פלאַטערנדער פרייד
עס ווערט מיין האַרץ פאַרפילט
אַ נייער בראשית האָט זיך אין קאָסמאָס צעשפּילט.
עס בלענדט דער זילבער רוים
מיט רעגנבויגן פאַרבן
עס איז דער שיינער וועלט
ניט באַשערט איצט צו שטאַרבן!

אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן
איך שפּאַן איצט אַריין
און מיין האַרץ הערט זיך איין:
אַ פייגל כאָר זינגט אויס די פרייד פון זיין.
און אין מיר זינגט אַ ניגון
מיט שלווה באַזעלט
ס׳האָט אַ תפילה פון אַ קינד
געראַטעוועט די וועלט...

איך בענק נאָך אַ חלום. . .

וועו דער אומעט און עלענט
פון דער נאַקעטער וועלט
טוט דאָס האַרץ אַזוי פּרעסן און נאָגן,
קומט אויף פליגל די בענקשאַפט
מיט טרויער באַזעלט
מיך אין די ווייטע מרחקים פאַרטראָגן,
צו די זוניקע וועגן
פון מיין קינדערלאַנד,
ווו איך האָב אַזוי מוטיק
אין לעבן געשפּאַנט
מיט אַ גלויבן אין האַרצן
פון דורות גענערט —
אַז צו גיין אויפן ,,שטראַליקן לייטער״
איז אונדז פונעם גורל באַשערט. . .
ווו די לופט האָט וויברירט
מיט משיחישע קלאַנגען
און ס׳האָט מענטש זיך פאַרמאָסטן
צום הימל דערלאַנגען. . .

איך בענק: —
נאָך די נעכט ווען די שטערן
האָבן פאַרטרוימטע לידער געזונגען,
נאָך די פריידיקע טעג פון דערוואַרטונג
וואָס די צייט האָט
אין גאַנג זיי פאַרשלונגען. . .

איך בענק —
נאָך די פלאַמיקע ווערטער
וואָס האָבן הערצער געצונדן
און פעלקער אויף שליאַכן
נייע געפירט.

איך בענק —
נאָך דער העלדישער יוגנט
וואָס איז אין פייער פאַרשווונדן
און אַ קראַנץ פון חלומות
האָט זייער קאָפּ באַצירט. . .

די ווייסע גלעקלעך

ערשט נעכטן...
— ווי גליענדע שטערן
אין די גרינע קרוינען געשיינט
די ווייסע קליינע גלעקלעך
צעבליטע, מָלא־חֵן...

אַ בשורה פון אייביקן פרילינג
אויף דער מידער וועלט געשפּרייט,
און ווייט אַרום האָט געקלונגען
דאָס ליד פון בליענדער פרייד.

היינט — אויף דעם גרינעם טויאיקן גראָז,
ארום אַלטן צעצווייגטן בוים,
עס וואַלגערט זיך
אָן אָפּגעבליטער טרוים...

די ווייסע גלעקלעך —
פאַרשטומטע, אין טויטליכע ווונדן
וואָס האָבן אין זייער קורצן זיין
חלומות פון פרייד געצונדן...

ערשט נעכטן...
געווען בין איך קליין
די סודות פון דער וועלט
געפּרוווט פארשטיין...

אַזוי פיל פלאַמיקע שקיעות,
און גאָלדיק בלויע קאַיאָרן
אין דער אייביקייט אַריין,
און ווידער בין איך קליין...
דעם טראגישן סוד פון פאַרגיין
איך קען ניט פארשטיין...

און מיין הארץ — עס וויינט און וויינט...

מײַן זייגער

מיט אַ שטילן טרויער —
פון אַ בעל־כורחה אויף דער וועלט,
מיט ריטמישע טענער
אין חלומות פֿאַרוועבט,
עס טוט מײַן זייגער מיך דערמאָנען
אין דעם גאַנג פון דער וועלט

שוין דורות לאַנג — דער זייגער,
ער הענגט אויף דער וואַנט
דעם חשבון פון קאָסמאָס
ער האלט אין זײַן האַנט. . .
אין דינסט פון דער וועלט
שוין פון בראשית אָן
עס מוז דער שקלאַף דער אָרימער
נעבעך גיין אין שפּאַן.

טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק
ריטמיש קלאַפּט זײַן האַרץ,
ס׳באַוועגט זיך שטיל דער אומרו
עס האָט די צייט אים אײַנגעשפּאַנט
און גיט אים ניט קיין רו. . .

פֿאָראויס! פֿאָראויס! פֿאָראויס!
ער מוז כסדר גיין,
טרויעריק שפּאַנען די שעהן
אין דער אייביקייט אַרײַן.

ניט ער קען זיך אָפּשטעלן,
ער דאַרף זיך אויך ניט אײַלן,
אַלע רגעס און מינוטן
מוז ער פּינקטליך ציילן. . .

און איך מיט אים צוזאַמען
צו דער צוקונפט טו איך שפּאַנען.
אין מיין האַרץ עס ריזלען נאָך
די אַלטע פרייהייטס טרוימען
וואָס זיינען מיט די נעכטנס
פאַרשווונדן אין די רוימען.

אויך מיין זייגער שטאַרק אַ מידער
טוט חלומען פון פרייהייט לידער —
וואָס דיכטער טוען שפּינען.
אפשר וועט ער אויך אַמאָל
זיין פרייהייט ווען געווינען?

נאָר עס האָבן אַלע פרייהייט געטער
די גאַנצע וועלט פאַרפירט. . .
האָט מיין אויפגעברויזטער זייגער
היינט רעוואָלטירט!

גענוג זאָגט ער צו דינען
אַ רשעותדיקער וועלט!
אַ צעווייטיקטער אַ קלונג געטאָן
און האָט זיך אָפּגעשטעלט. . .

דאָס האַרץ פון אַ מאַמע

דאָס ליד „דאָס האַרץ פון אַ מאַמע״ האָב איך געשריבן
צו מיין מאַמע׳ס געבורטסטאָג אין 1938 אין וואַרשע.

אָ, מאַמע פון דער וועלט, וואָס דו גיסט יעדן לעבן,
ווער נאָך ווי דו קען אַזוי פיל ליבשאַפט געבן?
דיין האַרץ — אַ לויטערער קוואַל —
וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס,
אַזאַ וואַרימע זוניקע גוטסקייט
עס שטראָמט פון דיר אַרויס.

פול מיט אַנגסטן און זאָרגן,
פאַר די קינדער נאָר דו לעבסט.
אָ, מאַמע! פון וואָס פאַראַ שטאָפן
איז אַ מאַמעס האַרץ געוועבט?

פון דער טויאיקער פרישקייט
פון אַ זומער באַגינען,
פון דעם כּישוף און רייץ
פון דופטיקע בלומען.
פון דעם לויטערן זילבער פון קינדישע טרערן. . .
פון דעם בלויען שימער פון פינקלענדע שטערן

פון דעם ציטער פון אַ סטרונע אין דעם געוויין פון אַ פידל
פון דעם ווונדער און צויבער פון געטלעכער מוזיק —
וואָס פאַרוויגט דעם מענטשן מיט זעלישן גליק,
פון אַ זון שטראַל וואָס קושט אַ געפראָרענעם זאַנג
פון די ווונדער קאָלירן אין אַ זון פאַרגאַנג.
פון דעם ציטעריקן גלי פון ערשטן ליבע פלאַם
פון דער פראַכט פון לבנה וואָס טובלט זיך אין ים. . .

פון אַ טרוים פון אַ וועלט וואָס שטרעבט צו זיין פריי,
אַזוי אַלט ווי בראשית — און בלייבט אייביק ניי. . .
אָט פון די אַלע געוועבן מיט גאָלד פון זיבן זונען
איז אַ מאַמעס האַרץ געשפּונען. . . מייו מאַמעס האַרץ. . .

די מאָדערנע קינס

ניט קיין פּראָסטע חי־וקימס
זיינען די „מאָדערנע קינס״, —
דאָס זיינען הערשער מעכטיקע, געקרוינטע
פאַר זייערע שיינע מעשים — גוט־באַלוינטע. . .

וועלף בצורת אָדם,
פול מיט מערדערישער לוסט —
פאַר יעדן קרבן אַ מעדאַל
הענגט ביי זיי אויפן ברוסט. . .

אין אַלע רוימען טוען זייערע נעמען קלינגען:
אידי אַמין, קאַדאַפי, כאָמעיני, אַראַפאַט,
אַזוי פיל ציגעלעך ביז היינט שוין פאַרשלונגען!
נאָר עס זיינען די וועלף נאָך אַלץ ניט זאַט. . .

און טויב איז דער אַלטער גאָט
צו דער וועלט׳ס פיין און ווײ,
ער הערט ניט מער פון הבל׳ס בלוט —
דעם יאָמער און געשריי. . .

עס איז חושך אַרום. פאַרלאָשן יעדע שיין.
און ווילסטו ערגעץ לויפן — איז די וועלט אַזוי קליין. . .
געקומען איז אַ צייט פון לית־דין ולית־דיין,
די האַרן פון דער וועלט זיינען די מאָדערנע קינס.

דערוואַך

וואַך אויף אָ, מענטש!
דו פאַרפייניקטער שקלאַף
פון דעם לאַנגן לעטאַרגישן שלאָף.
צערייס די קייטן פון יאוש
דערהער דעם שאַליקן רוף —
פון אַ וועלט וואָס לעכצט נאָך באַנייאונג:
עס שלאָגט איצט די שעה פון באַפרייאונג!

נעם פעסטער די ווייעסלעס פון גורל
אין דיינע שטאַרקע מאָזאָליקע הענט.
מיט אַ נייעם שם־המפורש
שריי אויס „יהי אור״
צו דעם חושך
פון אַ צאַנקענדער וועלט.

צערייס דעם פינצטערן שלייער
וואָס האָט די בלענדיקע זון פאַרשטעלט,
גורט אָן דיינע לענדן — הערקולעס
צעברעך די אַטאַמישע וואַנט!

שפּאַן איין דיין האַרץ און דיין מוח
אין דעם פאַרמעסט פון אַ נייעם באַשאַף
באַווייז בן־אָדם דיין כוח
דו ביזט די קרוין פון באַשאַף!

ניו־יאָרק 1981

חלומות פון אייביקן שלום

אין אַ קאַראַוואַן פון חלומות
מיין בענקשאַפט איינגעשפּאַנט. . .
איך פלי אַ באַרוישטע
צו דעם אויסגעטרוימטן לאַנד.

צו דעם צעלויכטענעם מאָרגן
ווו דער סוד פון בראשית
ליגט טיף פאַרבאָרגן —
וואַרט פאַר דעם אויסלייזער. . .

דאָרט אין שיין פון רעגנבויגן
ביים ראַנד פון דער וועלט
פון פערלדיקן טוי און דופטיקע בלומען
פאַרפלעכטן מיין טרוימען געצעלט. . .

דאָרט ווו דער מעכטיקער אָדלער
קען פליען זיין זוניקן וועג
אָן דער אייביקער שרעק
פאַר דעם יעגער׳ס קויל.

מיט ישעיהו׳ס חלום
וועל איך מיין געצעלט באַצירן
פאַר אַלע ליכטיקע חלומות
צעעפּענען ברייט די טירן. . .

פאַר אַלע ליידענדע
ניט־אויסגעוויינטע טרערן
וואָס הענגען זייט דורות
אין גלי פון שטערן.

פאַר אַלע מאַרטירער און טרוימער
פון אַ גערעכטער פרייער וועלט —
מיט אַ זוניקער ליבשאַפט
ס׳איז אָפן מיין געצעלט.

מיין טיש רייך געגרייט
מיט שבת׳דיקער פרייד
מיט דעם צויבער ניגון און קלאַנגען
פון די שבת געזאַנגען. . .

דאָרטן, אין די הימלישע ווייטן
ווו יעקב׳ס לייטער טוט דעם הימל גרייכן
דאָרט וועל איך אַן אייביקן שבת
פאַר דער ליידענדער וועלט פאַרגרייטן. . .
ניו־יאָרק 1980

דיין פרימאָרגן ליד

נאָך איצט הער איך דעם רויש
פון דיינע שטילע טריט
נאָך איצט איך הער דעם קלאַנג
פון דיין פרימאָרגן ליד —
וואָס האָט זיך אין די ווייסע פאַרטאָגן
צו די בלויע האָריזאָנטן ווייט געטראָגן. . .

ווי אַ צעבליצטער מעטעאָר
מיט אַ פלאַמיקן שיין
דו האָסט באַלויכטן מיט פרייד
מיינע טריבע טעג, מייו איינזאַמען זיין.
עס האָט אַ רגע מיט פרייד אויפגעבליט
ווען ס'האָט אין דעם צעשטראַלטן חלל
זיך צעקלונגען דיין צאַרט ליבע ליד.

עס איז דאָס ליד מיט פויגל פלאַטער
אין מיין האַרץ אַריין,
אויף אייביק פאַרבליבן
אין דער אויסגעבענקטער פיין
פון מיין ערשטן ליבע פלאַם. . .

איך הער נאָך איצט דעם רויש
פון דיינע שטילע טריט
וואָס הויערט אין טויאיקן גראָז
און עס שרייט מיין האַרץ
מיט גליאיקן וויי
פאַרוואָס?! אוי, פאַרוואָס?!

פאַרוואָס האָט דאָס ראָד פון מזלות
דיך ערגעץ ווייט פאַרטראָגן. . .
— און מיטגענומען אַלע בלויע פאַרטאָגן?

אָ ליבסטער!
פון אַלע פאַרבענקטע נעכטנס
פון דיינע אַלע ליכטיקע באַגערן
איך טו אַ קראַנין איצט פאַרפלעכטן
און באַגיסן מיט גליאיקע טרערן
עס זאָל קיינמאָל ניט פאַרוויאַנעט ווערן. . .

ניו־יאָרק 1986

אַ גורלדיקע נאַכט. . .

מיט שטילע פאַר׳חלומטע טריט
האָבן מיר דורך דעם מאָכיקן וואַלד געשפּאַנט
צו דעם אויסגעטרוימטן „ליבע לאַנד״. . .
ס׳האָט די טרייע צעשטערנטע נאַכט
חלומות געוועבט און פאַרשלונגען,
די צאַרטע מוזיק פון שווייגן
האָט הויך אין די הערצער געקלונגען. . .

פאַרהילט אין טיפקייט פון נאַכט
ס׳האָבן די מעכטיקע געטער פון גורלות
אַ צויבער שפּיל פאַרטראַכט. . .
די פאַרטרוימטע וואַנדערער
צאַרט אַרומגענומען
מיט שטראַליקע פעדים פון ליבע
זייערע הערצער אויף אייביק פאַרשפּונען. . .

פּלוצלינג — ס׳האָט דער דרעמלענדער וואַלד
פון זיינע וווּנדער חלומות דערוואַכט. . .
מיט אַ פלאַמיקן קוש זיך געזעגנט
מיט דער צאַרטער זומער נאַכט. . .
ס׳האָט אַ גאָלדיק־בלויער קאַיאָר
אויפגעבליצט מיט אַ זוניקער וואָר,
און באַלויכטן אונדזער פריידיקן וועג
ביז — די ווייטע האַרבסטיקע טעג. . .

אין מאָרגן־רויט

צו מיאַמי ביטש

שטילע רגעס פון צאַרטן מאָרגן בלוי
באַזילבערטע מיט פרילינג טוי
שפּיגלען זיך אין גאָלד גרינעם ים.
פאַרבענקטע שטראַליקע כוואַליעס
טונקען זיך אין רויטן פלאַם,
פון זייער ווייטן וווּנדער־גאַנג
גייט אויף אַ פריידיק געזאַנג. . .

די שטאָלצע שלאַנקע פאַלמעס
מיט די גרין צעקעמטע צעפּ
וואָס פאַלן רחבותדיק אַרונטער
פון די זון באַשטראַלטע קעפּ
שוין פון בראשית זיי שטרעקן זיך
צו די בלויע הייכן,
ווען זיי אַמאָל די הימלען דערגרייכן?

אַ צאַרט ווינטל רוישט אין די צעפּעכערטע צווייגן
וועקט זיי מיט אַ ניגון פון נאַכטיקן שווייגן.
גאָלד באַזוימטע וואָלקענדלעך
דרעמלען אין די בלויע ווייטן,
שפּינען אין די הימלען וווּנדער אימאַזשן
מיט זון דורכגעשטראַלטע
שאַגאַלישע וויטראַזשן.

. . . אין שטורעמס אין שנייען
אין פּראָסטיקע טעג
כ׳האָב געבענקט נאָך דיר
מיין אינדזעלע
פון גאָלדיק בלויע טעג

ווי אויף אַ ליכט שטראַל אַ צעהעלטן
מען פליט צו דיר פון ווייטע וועלטן.
אַזוי פיל ליכט און פרייד
איז אין דיר פאַרשפונען,
ס׳האָט די מאַמע אידיש
אין דיר אַ טרייסט געפונען. . .
אַן אינדזל אַ געפלעכט
פון גרין און גאָלד און בלוי
ביסט מיאַמי־ביטש אַ חלום אויף דער וואָר.

שטיי איך איצט ביים ים
אין צעשטראַלטן מאָרגן שיין
דעם געזאַלצענעם דופט
מיט פרייד איך אָטעם איין
ווי דורך אַ כּישוף שפּרונג
פאַרגעסן אין אַלע מיינע ליידן
שטיי איך און באַוווּנדער
דעם ערדישן גן־עדן. . .

דער ים אין שטורעם

אין די הימלישע מקומות — מ׳קריגט זיך דאַרט היינט.
עס קעמפט דער ווינט מיט כמאַרעס ווי בלוטיקע פיינט!
דונערן און בליצן טוען הימלען שפּאַלטן!
האָט פון שרעק די זון זיך אין ,,הינטערלאַנד״ באַהאַלטן.

איז דער ים איצט צאָרנדיק
ווי אַ לייב טוט ער ברומען!
זיין געליבטע זון פאַרלאָרן —
ער זוכט — און קען זי ניט געפינען. . .

צעיושעטע כוואַליעס מיט שוים אויף די ליפּן
זיי שטורעמען, זיי יאָגן, זיי ברויזן,
אייביק אין אייל — אין געיעג. . .
וווהין? וווהין? וווהין?
אַהין וווּ עס בליען דופּטיקע רויזן,
ווי פרילינגדיק־גרין ס׳איז דער ברעג. . .

אויך טיף אין מיין האַרצן —
עס ברויזט דאָרט און שטורעמט. . .
איך שוועב אויף אַ שטראַליקן וועג
מיט חלומות געוואַגטע פאַרשפּונען
נאָר פונקט ווי די כוואַליעס
ווען זיי גרייכן דעם ברעג,
אַזוי גרויזאַם זיי ווערן צערונען. . .

אָוונט־צייט ביים ים

ס׳האָט אַ שפּילעוודיק, גאָלד באַזוימטע כוואַליע
דעם לעצטן זון־שטראַל פאַרשלונגען,
און אַ שטילער אָוונט־טרויער
האָט דעם רוישיקן טאָג באַצוווּנגען.

מיט באַזאַכטע זיגרייכע טריט
שלייכט די נאַכט זיך אַריין
אין דעם קאָסמישן געראַנגל
פון „זיין — אָדער ניט זיין״.

מיט אַ טרייער אַרמיי פון צעפינקלטע שטערן
אין נאַכטיקן שלייער פאַרהילט,
האָט אַ קליינע בלאַסע לבנה
די מעכטיקע זון באַזיגט. . .

רוט איצט אין שויס פון דער קעניגין נאַכט
דער ים אַ פאַרחלומטער, שטילער
און די לבנהדיק באַשפּרענקלטע כוואַליעס —
מורמלען זייער נאַכטיקע תּפילה.

אינדיאַנער זומער

פלוצלינג איז פון ערגעץ ווייט דאָ צו אונדז פאַרפלויגן
אַ קינסטלער, אַ מאָלער, איינער פון דער וועלט!
אין קליידער בגדי מלכות, געוועבט פון רעגנבויגן,
אויסגעניייט מיט שטערן, מיט גאָלד פון זון באַהעלט.

אויף אַ זילבער־וואָלקן רייטנדיק, לאָזט ער זיך שפּאַצירן
איבער וואַלד און פעלד, איבער בערג און טאָלן.
אַלע ביימער טוט ער מאָלן מיט אַן אוצר פון קאָלירן,
עס שימערן די בלעטער ווי פאַרביקע קרישטאָלן.

הימל־בלוי און צונטער־רויט, גאָלדיק־גרין און ברוין,
אַ מתנה פון דעם קינסטלער פאַר יעדן בוים אַ קרוין.
אַזאַ מלכותדיקע פּראַכט פון די בערג אַרום טוט ווייען,
ס׳האָט מאַמע־ערד זיך אויסגעצירט — ס׳טוט דאָס האַרץ דערפרייען...

שטייען איצט די ביימער פאַרחלומטע, שטילע,
ווי פּרינצעסינס אויסגעפּוצט אין רייכע בונטע פאַרבן,
און יעדעס בלעטל אויף די צווייגן מורמלט שטיל אַ תפילה:
אַזאַ שיינע וועלט — אָ גאָט! מיר ווילן ניט שטאַרבן. . .

ביים ים אין אַ זוניקן פרימאָרגן

פון טיפן שלאָף אין חלומות פאַרהילט
האָט די זון דערוואַכט, אין ים זיך אויסגעבאָדן
און אַ צניעותדיק צעפלאַמטע — מיט כוחות פריש באַלאָדן
אַזוי פריידיק מיט די וואָלקנס זיך צעשפילט.

אַ קרוין געוועבט פון גאָלד און פייער
טוט איר קאָפּ באַצירן;
זי באַפעלט דער וועלט דער גאַנצער —
זאָל ליכטיקער ווערן!

געהילט אין בלויע וואַלן
זיך אין מזרח וואַנט געשטעלט
אירע גאָלדיק פורפור שטראַלן
דער גאַנצער וועלט זי שענקט.

מיט אַ שטראַליקן „גוט מאָרגן״
זי טוט דעם ים באַגריסן,
און דערביי — געהיים — פאַרבאָרגן —
— זי שענקט אים הייסע קושן. . .

ליגט דער ים פון גליק באַרוישט
אין זיין ווייכן גרינעם בעט,
און די זון די שטיפערקע —
רק זי צערטעלט אים און גלעט. . .

אויף מיין גאַניק

אויפן גאַניק ביי מיין טיר
זיצן אידן פיר —
איינער קלאָגט זיך: ס׳איז אים שווער צו גיין
ס׳טוט אים ווי אַ ביין,
זאָגט דער צווייטער:
אפילו מיט די נייע ברילן איז מיר שווער צו זען.
און די לעצטע צוויי דערקלערן
ס׳איז זיי שווער צו הערן. . .

אויפן גאַניק ביי מיין טיר
זיצן אידן פיר
און ריידן:
איי, דאָס זוניקע מיאַמי
איז דאָך ממש אַ גן־עדן
גאָלדיק בלויע הימלען
ווי ווייט עס גרייכט דער בליק,
אין אַלע פאַרקן מ׳טאַנצט, מ׳זינגט
און עס שפּילט מוזיק.

אויפן גאַניק ביי מיין טיר
זיצן אידן פיר
און שמועסן פּאָליטיק. . .
זאָגט דער ערשטער:
אוי, אַז דו האָסט אונדז שוין גאָטעניו
אַ לענדעלע געגעבן,
פאַרוואָס זשע לאָזן אונדז די שונאים
אויך דאָרט ניט רואיק לעבן?

זאָגט דער צווייטער מיט אַ קרעכץ:
נו, און דער מטורף דער מערדער קאַדאַפי
ער איז פאַר אונדז אידן גאָר אַ גרויסע צרה
אוי זיין זאָל ער שוין גאָטעניו דער גאַנצער וועלט כפרה!
זאָגן אָלע אָמן, הלוואי זאָל אַזוי זיין. . .

און דער דריטער זאָגט אַזוי:
רבותי הערט זיך איין
אונדזער גרעסטער שונא
איז ער אַליין — פּאָניע גנב. . .
פון אַלע פאַרברעכער — ער איז דער גרעסטער העלד
ווו נאָר ערגעץ ס׳ברענט אַ פייער —
ער האָט דאָס באַשטעלט!. . .
אַזוי פיל לענדער שוין פאַרכאַפּט
ער וויל די גאַנצע וועלט!

און דער פערטער זאָגט אַזוי:
און אונדזער אָנקל סעם
פון דעם לאַנד פון בראַווע פרייע,
ער האָט שוין דערפונדן
מיסילס שפּאָגל נייע. . .
אין אַלע בערג און היילן
ער זוכט אַרום דאָרט שפּאַלטן
אַוו זיי צו באַהאַלטן. . .

און פּאָניע גנב שווייגט און לאַכט
די סודות פון די נייע מיסילס
ער האָט שוין לאַנג פאַרכאַפּט
מוז מען איצטער ווידער נייע מיסילס מאַכן
און אַלע שדים און טייוולאָנים טרייסלען זיך פון לאַכן. . .

און דער זייגער אויפן וואַנט
הערט זיך איין און שווייגט:
אויף זיין זייגערישן שטייגער
מיט זיין קליינער בייטש —
און זיין גרויסער מאַכט
ער טרייבט און יאָגט די צייט
און ס׳קומט באַלד אָן די נאַכט. . .

כאַפּן זיך די אידן פיר
אויפן גאַניק ביי מיין טיר:
אוי מיר האָבן זיך פאַררעדט
ניט באַמערקט עס איז שוין שפּעט.
אוי די צייט לויפט אַזוי גיך.
אוי גאָטעניו! טאַטעניו!
ווען קומט שוין משיח?

און אַזוי ווערן טעגליך
אַלע טרויעריקע פאַרוואָסן,
אַלע איבלען און פאַרדראָסן,
גרינטליך אויסגעדראָשן
אין אַ זאַפטיק מאַמע לשון
פון אַלטע אידן פיר
אויפן גאַניק ביי מיין טיר. . .

מיאַמי 1986

אַ נייער באַגינען
(צום נייעם יאָר)

אַ גאָלדיק בלויער קאַיאָר
האָט אַ נייעם טאָג איצט געבוירן.
ס'האָט די צייט אין איר האַסטיקן גאַנג
דעם טרויעריקן נעכטן פאַרלוירן.

אַ שעמעוודיק־יונגער באַגינען
קלאַפּט אָן אין טויער פון דער וועלט
אַ באַשטראַלטער מיט ליכטיקע זונען
מיט פרייד און האָפנונג באַזעלט.

די בלויע זוניקע רוימען
אין אַ שלייער פון שלווה געהילט
מיט ביטחון און פריידיקע טרוימען
ס'ווערט מיין האַרץ איצט פאַרפילט.

דער גאַנצער באַשאַף זינגט איצט שירה
צום מזרח אין פלאַמען פאַרצויגן
אָט פאַר דעם נס פון פראַכט פון יצירה
איך שטיי איצט מיין קאָפּ געבויגן. . .

מאָנטיסעלאָ 1980

דער בלויער פויגל

ס׳האָט אַ גליאיקע בענקשאַפט
נאָך פאַרלוירענע טרוימען
צעפלאַמט אין מיין האַרצן
געהיימע באַגערן,
זיי טוען מיר סודות פאַרטרויען —
פון אַ פויגל אַ קעניג אין אַ שלאָס פון שטערן
זיין נאָמען — דער פויגל דער בלויער.

זיינע פליגל געשפּונען פון זוניקע שטראַלן
זיין שלאָס פול מיט אוצרות פון אייביקער פרייד
זיין מלכות פון גליק וואָס שפּרייט זיך אויף מיילן
פאַר יעדן זיין רייכטום ער טיילט. . .

טראָגט מיך מיין חלום צו די הימלישע הויכן
וווּ ס׳האָט די זון זיך אין פלאַמען צעצונדן
נאָר צווישן פונקען צעגליטע
פון פאַרטאָגיקע רויכן
איז דער פויגל דער בלויער פאַרשווּונדן.

צווישן דרעמלענדע נעפּלען —
כ׳ליג אויף טויאיקע וואָלקנס
אין די רוימען איך טו מיט זיי שווימען.
כ׳זוך דאָרט דעם פויגל
אין גאָלדענע ליכט שטראַלן. . .
אין זילבערנע וואַסער־פאַלן. . .
אין חלום איך האָב אים געפונען. . .

ניו־יאָרק 1963

האַרבסטיקער פאַרגיי

מיט ברייט צעפּעכערטע פליגל
איז פון צפון אַ שטורעם געקומען
מיט אַ האַרבסטיקער קאָסע אין האַנט
ער שניידט די ליכטיקע קרוינען
פון דעם שאַרלאַך צעגליטן וואַלד

שטייען נאַקעט פאַרשעמטע ביימער
אין זייער טראַגיש טרויעריקן שווייגן
שטרעקן צום הימל די נאַקעטע צווייגן —
פרעגן שטום: פאַרוואָס?
און פערלדיק טויאיקע טרערן
פאַלן אויף דעם געלן גראָז

איך פיל — ס׳איז דער וואַלד היינט
אַ מלכות פון טרויער,
און כאָטש איך ווייס:
אין דער קייט פון בראשיתדיקן דויער
עס וועט ווידער קומען דער מאַי —
דער וואַלד וועט בליען אויפסניי

דאָך — איך הער דאָס פאַרטייעטע געוויין
אַ פאַרקלעמטע בלייב איך שטיין
עס איז מיר אַזוי שווער
דעם זין פון דעם אומזין פאַרשטיין —
אָט דעם טרויעריק האַרבסטיקן פאַרגיי. . .

פרימאָרגן דעמער

דרעמלענדע פּאַנאָראַמעס
אין נעפּל שלייער געהילט
וואַרטן סודותדיק אין גרויען חלל
אויף דעם וווּנדער פון ערשטן ליכט־שטראַל.

פּלוצלינג האָט אַ זון שטראַל
די נעפּלען דורכגעשניטן
ווי אַ פלאַטער אָנגעפלויגן;
קוקט מיט פּאַר׳חידושטע אויגן
אויף דעם פּראַכט פון נייעם בראשית. . .
און באַגריסט מיט אַ ,,יהי אור״
די דרעמלענדע וועלט. . .

איינגעהילט אין שאָטנס
אין זילבער טויאיקן דעמער
עס טראָגט מיך מיין טרויער
אויף צאַרטן פליגל פלאַטער
צו די בלויע הימלען מיט די שווימענדע לעמער

דאָרט ווי אויף אַלע סטרונעס פון נגינה
עס זינגט דער הימלישער כאָר
וווּ עס פלאַטערט אַ פריידיקע בשורה
פון אַ נייער ליכטיקער וואָר.
אפשר, אין די אין־סופיקע שטראַליקע זונען
וועט מיין ברויזנדער אומרו אַ תיקון געפונען. . .

דאָס פלאַטערל

אַ שמעטערלינג אַ קליינער אַ פליענדע בלום
אָקאָרשט היינט געבוירן אין דעם ליכטיקן פרימאָרגן
ס׳באָדט זיך אין די שטראַלן אין זוניקן רוים
און פרייט זיך מיט דעם לעבן: וואָס האָט עס צו זאָרגן?

אָ שיין זיס פלאַטערל מיט די בונטע קאָלירן
פון וועלכע ווייטן קומסטו צו פליען!?
זאָג, וועלכער מאַלער האָט געטאָן דיך באַצירן?
אַזאַ פריידיקע שיינקייט טוט פון דיר ווייען. . .

זאָג וואָס איז דיין מיסיע? וואָס איז דיין שטרעבן?
דיין פלי אַזאַ שטילער — אָן רוישן, אָן זשומען. . .
וואָס טוסטו דערגרייכן אין דיין קורצן לעבן,
ביסטו געבוירן צו קושן די בלומען?

פון די בערג דער אָוונט שלייכט שטיל זיך אַרונטער. . .
אין מערב אַ שקיעה אַ רויטע טוט פלאַמען.
אַ שטיפעריש ווינטל פריידיק און מונטער
פלעכט נאַכטיקע שאָטנס מיט זון־שטראַל צוזאַמען.

ביים ראַנד פון וואַלד אין אַ פענצטער־ראַם
האָט אַ ליכטל זיך צעפינקלט מיט אַ העל־ווייסן פלאַם
עס רייצט מיט שימער פון זילבער געבלענדט
עס רופט דאָס שיינע פלאַטערל צו זיין טראַגישער ענד. . .

אַ סאַמעט בלויע שטילקייט הענגט אין נאַכטיקן רוים
עס שוועבט דאָס פאַרביקע פלאַטערל צו דעם זילבער־פלאַם
מיט פריידיקן ציטער ער טוט דאָס פלעמל עמפּאַנגען
אַ צאַפּל מיט די פליגעלעך — און אַ טרוים איז פאַרגאַנגען. . .

דער טאָל ווו איך וווין

אין זילבערנע נעפּלען געהילט
ווי אַ חלום אויף דער וואָר
אין פאַרביקע כוואַליעס צעוויגט
עס ליכטיקט אַ נייער קאַיאָר
אין דעם טאָל ווו איך וווין. . .

סודות׳דיק פאַרטראַכט
פאַרוועבט אין אוראַלטע טרוימען
די גרין־געקרויזטע בערג
טובלען זיך אין בלויע רוימען

אויף צאַרטע ווייסע רויזן
דרעמלט אַ טויאיקער טרוים
אין עץ־הדעת מיט גאָלדענע עפּל
ס׳איז אַיעדער בוים —
אין דעם טאָל ווו איך וווין. . .

סנאָפּעס זונען שטראַלן
פלאַמען אויף אין וואַסער־פאַלן
ווי פאַרביקע קרישטאָלן;
פרייליך ריזלען שטראָמען
אין די גרינע טאָלן.

בלומען בייטן אין צויבער קאָלירן
אויף גרינע לאָנקעס זיך צירן.
אַ ווייסינקע בעריאָזקע
מיט אַ זוניקן שמייכל
שפּיגלט זיך אין בלויען טייכל.

ס׳איז אַ קעניגרייך פון חלום
דער טאָל ווו איך וווין. . .
אַ שטיפעריש ווינטל קושט מיין פנים
פון זוניקע שטראלן צעהעלט
אין הארצן צעזינגט זיך אַ פלאַמיקער ניגון
אָ, ווי שיין ביסטו וועלט!

מאָנטיסעלאָ 1985

די בין

ווי נאָר ס׳איז דער זומער דער ליבער געקומען
מיט דופטיקע ריחות פון בונטע בלומען בייטן
האָט די בין זיך גלייך צו דער אַרבייט גענומען
זי מוז פאַר דעם ווינטער
אַ סך האָניק פאַרגרייטן.

פון דער קעניגין מוטער באַפעלן באַקומען,
אַרבייט זי פלייסיק, טוט דערביי זשומען.
אַזוי פיל בלומען זי מוז נאָך היינט באַזוכן
דעם נעקטאַר דעם זיסן פון זיי אַלע פאַרנעמען.

אָט דערבליקט זי די רויז
זי איז גלייך צו איר פאַרפלויגן;
אַזוי שעלמיש, עלעגאַנט
זיך געטאָן פאַר איר פאַרנייגן;
אָ, דו פרעכטיקע רויז!
די שענסטע פון די בלומען;
און אַזוי קושענדיק און זשומענדיק
דעם לעצטן טראָפּן זאַפּט פאַרנומען. . .

אָט פליט זי צום טוליפּ מיט אַ רעש ווי אַ וויכער
לאָזט שנעל זיך אַרונטער אין זיין שוימיקן בעכער
זי ווערט גלייך פאַר׳שיכורט פון נעקטאַר דעם זיסן
פון אַ שכן דערנעבן זי ברענגט ליבע גרוסן

זי ווייסט ניט דערציילט זי פונ׳ם שכן זיין נאָמען
פון אים געבראַכט אַ מתנה אַ בינטעלע „זאָמען״
אזוי זשומעט זי פריידיק אין דעם בעכער דעם בלויען
דעם סוד פון „זיווגים״ זי טוט אים פאַרטרויען.

פרילינג

אין אַ בלויען פרימאָרגן נאָך אַ פראָסטיקער נאַכט.
האָט אַ זילבערנער וואָלקן דעם הימל געוואַשן.
אַ ראָזיק־ליכטיקע זון האָט פון שלאָף אויפגעוואַכט —
און דער גאַנצער אַרום האָט גענומען זיך רעשן. . .

אויף בוימער עס שפּיגלען טוי־טראָפּנס פאַרביקע.
יעדער זון־ שטראַל אַ צווייגעלע קושט אַ געפראָרן.
און ס׳צעעפענען קנאָספּן די ליפּן די גיריקע —
פון יעדן קוש אַ דופטיקע בלום ווערט געבאָרן. . .

עס טרעלן די פייגל, ס׳רוישן קוואלן די קלאָרע.
די לופט ווערט פאַרפולט מיט אַ גאַמע פון קלאַנגען.
אַלץ וועקט זיך, וואַכט־אויף, זאָגט אָן אַ בשורה:
געקומען דער פרילינג! — אַ נייע וועלט אויפגעגאַנגען!

און אין וואַלד שטייט בן — אָדם פון דער בשורה באַנומען,
פאַר׳חלומט פון פּראַכט, פון „יצירה״ וואָס בלענדט.
מענטש האָט דעם וווּנדער פון „יהי אור״ פאַרנומען,
די אויגן געעפנט — און דעם „בראשית״ דערקענט. . .

מאַי־יוני 1979

געקומען איז דער מאַי!

נאָך אַ טריבער נאַכט
אין חלומות פאַרהילט
ס'האָט די מאַמע זון דערוואַכט
זיך פריילעך צעשפּילט. . .

מיט גאָלדיק הייסע שטראַלן
די ערד אָנגעזויגן
האָט די וועלט די גאַנצע
צעעפנט ברייט די אויגן. . .

פון די סאַמעט בלויע הימלען
שטראָמט אַ גאָלד געקרויזטע פרייד
עס איז אַ יום־טוב היינט!
געקומען איז דער מאַי.

אויך אין מיין גאָרטן האָט די זון היינט
מיט אַ רחבות זיך צעשיינט,
מיט שטראַליקע אָרעמס צאַרט אַרומגענומען
די באַקרוינטעביימער, די דופטיקע בלומען,
אויסגעקושט זיי אַלע גלידער;
זינגט מיין גאָרטן נייע לידער —
און ער שיינט פון פרייד,
עס איז אַ יום־טוב היינט!

אַ גאָלד געשטרייפטער שמעטערלינג
פליט פון בלום צו בלום
און קושט זיי „גוט מאָרגן”,
ס'איז אַ יום־טוב היינט!
פאַרשווונדן אַלע זאָרגן. . .
און כאָטש עס איז דער שמעטערלינג
געבוירן נעבעך שטום. . .
דאָך די שפּראַך פון ליבע
פאַרשטייט אַיעדע בלום. . .

אָט פליט אָן אַ ווינט אַ שטיפער
און בעט מיין גאָרטן טאַנצן;
האָבן פריידיק זיך צעוויגט
די ביימער, בלומען, פלאַנצן,
און אַ פויגלשער אָרקעסטער
אויף ווונדער פידלען, זילבער פלייטן
טוט דעם טאַנץ באַגלייטן.

אויף צעפעכערטע צווייגן
בלענדן טויאיקע קרישטאָלן,
די צעפלאַמטע בערג פון ווייטן
שמייכלען צו די טאָלן.
די צויבער שפיל פון ליכט און שאָטן
האָט איצט צעשפילט זיך אין מיין גאָרטן, —
און פאַנטאַסטישע קאָנטורן
אויף גרינער ערד זיך שפרייטן...

ווי אַ לעגענדאַרער ברונעם
כ׳בין איצט פול מיט פרייד און זונען.
פלאַמט אויף אין האַרצן אַ באַגער;
אפשר גאָר באַהאַלטן
פאַר אַ כמורנעם טאָג אַ קאַלטן,
אין שפּאַלטן פון דער צייט
אַביסל פרייד און זון פון היינט?...

ניו־יאָרק 1970

די רויז

אויף דער לאָנקע ביי מיין פענצטער
אַרום מיין זומער הויז
ס'האָט זיך איבער נאַכט צעבליט
אַ פרעכטיק ווייסע רויז.

אויף די שניי ווייסע בלעטערלעך
אַ טויאיק זילבערנע טרער
עס איז איר דער געבורט מסתמא
אָנגעקומען שווער. . .

עס קושן איר די גינגאָלד שטראַלן
עס גלעט איר צאַרט דער ווינט
זי שיינט מיט איר אומשולד
ווי אַ ניי־געבוירן קינד.

נאָר אָט קומט אָן אַ יונגע מיידל
ווי די ווענוס שיין
מיט די בלויע הימל אויגן
די ווייסע רויז דערזען. . .

. . . אויף דער סטעזשקע צווישן בייטן
וואָס פירט צו מיין הויז
האָט אַ צאַרטע פרויען האַנט
אויסגעפליקט די ווייסע רויז. . .

אַ זון פאַרגאַנג אין די קעטסקילס

אין שפּיגל פון זון גאָלד
מיט פאַרבן צעשפּילט
אַ בלויער זומער פאַרנאַכט,
ווי אין חלום פאַרוועבט,
אין טרויער פאַרהילט
איך וואַנדער פאַרטראַכט.

אין מערב׳דיקן ראַנד
אין גאָלדיק בלויער ווייט
אַ ווונדער פאַנאָראַמע זיך שפּרייט:
אין אַ יַם פון ווונדער קאָלירן
צעגליט אין פייער פלאַמען
די מאַמע זון פאַרגייט. . .

אין זיבן כלה שלייערן איז זי איצט געהילט
מיט אַ בראשית׳דיקער שיינקייט
— זי בלענדט און גליט
און זי בעט זיך רחמים:
נאָך אַ ווײַלע בלייבן שטיין. . .
— נאַר די שקיעה פלאַמען צאַנקען
זאָגן אָן פאַרגיין. . .

באַגאָסן מיט פּורפּור פלאַמען
פון לעצטן שקיעה שיין
אַ פאַרקלעמטע איך פליסטער
אין טיפן צער און פּיין:

אָ, דו הימלישער פענאָמען,
דו הייליק געטליך שיין!
ווי פּרעכטיק ביזטו זון
אין דער שעה פון דיין פאַרגיין. . .
און מיין האַרץ ווי אַ פידל וויינט
אויף דעם טראַגישן סוד פון פאַרגיין. . .

אויף די גרינע בערג אַרום
די בראשית אַלטעביימער —
די אייביקע טרוימער
וואָס שטרעקן זיך גיגאַנטיש
צו די בלויע הייכן
מיט אַ חלום פון קדמונים:
די הימלען דערגרייכן. . .
מיט גאָלדענע קרוינען
אין זונשיין צעגליט
אין תכלית׳דיקן בלוי געהילט
שטייען זיי דבקות׳דיק, פאַרפרומטע, שטילע
פליסטערן זייער מנחה תפילה.

אָט שניידט זיך דורך די צווייגן
אַ גאָלדיק פורפור שטראַלעכל
קושט אַ ווייסע בלום
אין איר רויטן מיילעכל,
נעמט זי צאַרט אַרום:
ביז מאָרגן, טייערע, ביז מאָרגן —
וואַרט אויף מיר — איך קום. . .

אַ סטייע פייגל שוועבט
צו די וואַרעמע נעסטן
און גלייך עס הויבט אָן שפּילן
אַ וואונדער אָרקעסטער.

דער סאָלאָוויי דער קינסטלער
מיט זיין כישוף ניגון
טוט די מידע וועלט
צו איר שלאָף פאַרוויגן.
ווי פאַר׳שיכורט פון טויאיקן וויין
ער שפּילט אויס די פרייד פון זיין. . .

פון ווייטנס רוישן סודותדיק
רייפע קאָרן זאַנגען
אין בלויער שטילקייט
שפּרייט דער ווינט
זיסע אָוונט־קלאַנגען. . .

אין דעם פאַרביקן געפלעכט
פון דער בראשית'דיקער קייט
אַ באַזיגטער טאָג פאַרגייט. . .

מאָנטיסעלאָ 1986

דער זומער איז געקומען

געקומען איז דער זומער
מיט אַ רייכטום אַ פּראַכט;
פֿאַר אַלעמען אויף דער ערד
מתנות געבראַכט:
דעם זילבערנעם טייכל
אַ בינטל גאָלדענע שטראַלן
וואָס טאַנצן שטיפעריש
אויף די פריידיקע וועלן.

די ביימער באַקליידט
מיט באַבלעטערטע קרוינען
פֿאַר די פייגל צו בויען דאָרט
נעסטן צו וווינען.
שפּילט דער סאָלאָוויי
אַזאַ האַרציקן ניגון
יעדן אָוונט די ביימער
צום שלאָף טוט פאַרוויגן.

אין די וועלדער אַ שאַלן
ווי זילבערנע פלייטן
די לאָנקעס באַדעקט
מיט אַ טעפּיך פון קווייטן
מיט אַ ים פון קאָלירן
ס׳טוט דאָס אויג זיך פאַרכלינען
דורך די זילבערנע נעפּלען
פון אַ זומער באַגינען.

די צעאַקערטע רויערד
אין געבורט אויפגעגאַנגען
מיט גאָלד אויף די פעלדער
מיט רייפע קאָרן־זאַנגען
און עס וואַכט אויף אין מענטש
פון האָפנונג אַ גלי
אַז מיט דערפאָלג ווערט געקרוינט
זיין שווייסיקע מי.

אָט פאַר דער שפע דער געבענטשטער
און די אַלע מתנות
פאַר דיר ליבער זומער
אונדזערע האַרציקע ברכות.

אַ חלום פון אַ זומער נאַכט

אין טויאיקע נעפּלען געהילט,
מיט שטילע באָרוועסע טריט
שלייכט די נאַכט זיך אַריין;
טרינקט אָן די ערד מיט טויאיקן ווייַן,
מיט פלאַטערנדע חלומות
ס׳ווערט די לופט פאַרפילט.

אין די הימלען ווייט צעצונדן
שטערן ליכטער אָן צאָל,
גאָט׳ס אָטעם טוט זיך שפּרייטן
אין דעם וווּנדער טאָל. . .

אָט שווימט אַרויס לבנה
די פּרינצעסין פון דער נאַכט,
מיט איר פּערלדיקן שימער
סודותדיק, פאַרטראַכט,
מיט איר פרומען צניעותדיקן חן
איז זי גלייך זיך טובלען
אין טייכל אַריין.

טאַנצן איצט די כוואַליעס פריילעך
מיט שטערן שימער און גלאַנץ
מיט דער שיינער לבנה
אַ כּשר מצווה טאַנץ. . .

און צום טאַקט עס שפּילן
די נאַכטיקע קלעזמאָרים —
די קלייניקע גרילן —
אויף זייערע קליינע פידעלעך
דורות אַלטע לידעלעך. . .

מיט אַ נאָגענדער בענקשאַפט
צווישן חלום און וואָר פאַרוועבט
איך שפּאַן אויף אַ ליכטיק צעשטערנטן וועג
און זוך באַשייד —
צו דעם קאָסמישן פענאָמען —
די צייט. . .

וואָס האָט אַזוי פיל אוצרות
פון ליבע און פרייד
רחבותדיק געשפּרייט
אין אָט די וווּנדער נעכט.
ווּ זיינען זיי?

אויף דעם אומענדליך —
מיט סוד פאַרהילטן וועג
איך זוך דעם שייער
פון די אַלע פאַרגאַנגענע נעכט און טעג. . .
פון אַלע אילוזיעס און וווּנדער טרוימען
וואָס שוועבן אין די נאַכטיקע רוימען
און קענען קיין תיקון ניט געפינען. . .

און פּלוצלינג ווי מיט כּישוף
אין אָט דער וווּנדער נאַכט —
מיט זילבער גלי פון שטערן־שיין,
ווי אַ ווייסער חלום ס׳פאַרגייט
דער נאָגענדער טרויער און פּיין. . .

אין מיין פאַרבענקטער נשמה
מיט צאַרטע טענער און זילבער קלאַנג
עס גייט אויף אַ וווּנדער געזאַנג,
און אַ הייסע תפילה דערוואַכט —
צו דעם גרויסן מייסטער
וואָס האָט אַזאַ וווּנדערוועלט פאַרטראַכט. . .

און ווי יהושוע איך בעט:
זאָל בלייבן שטיין די צייט.
עס זאָל אויף אייביק שטראַלן
אין מיין האַרצן
אַזאַ שלווה פול מיט טרייסט
אַזאַ רחמימדיקע שעה
מיט געגאַרטער זעלישער רו.

מאָנטיסעלאָ אין די קעטסקילס 1980

מיין זומער היים

שוין פון ווייטן גריסן מיך
די ווייס געקאַלעכטע ווענט,
דער רויטער שינדל דאַך
באַוואַקסן מיט מאָך,
און די פריידיק צעגרינטעביימער
אַרום דעם זילבערנעם טייכל
שיקן מיר אַ זוניקן שמייכל. . .

אָ, מיין ליבע היים איינגעטונקען אין בלומען!
ווידער בין איך צו דיר געקומען. . .
פאַרקריצט אין מיין האַרצן
ווי אַ ליכטיקער טרוים —
ביסטו מיין זוניקע היים,
מיין אויסגעבענקטע ליבע נעסט,
אַלע זאָרגן האָסטו אויסגעפרעסט. . .

אָ, ווי קען מען פאַרגעסן
אַלע ליכטיקע מעת־לעתן
פאַרבראַכטע אין דעם זוניקן הויז?
אָט זע איך מיין ליבסטן
עס רוט מיין קאָפּ אויף זיין שויס. . .

זיין פאַר׳חלומטער בליק
זאָגט אָן אַזוי פיל גליק —
און זיינע דורשטיקע ליפּן
פליסטערן דאָס אייביקע ליד:
טייערע, איך האָב דיך ליב. . .

איצט, אונטערן גרין צעבליטן בוים
איך טוליע צו מיין האַרצן
אַ פאַרלאָרענעם טרוים. . .
אויף מיין בענקענדן רוף
עס טויכן אויף:
אַלע נאָענטן און ווייטן. . .
אויף ליכטיקע שטערן
זיי קומען צו רייטן. . .

אויף אַ סטעזשקע צווישן ווייסן צוויט
עס בראָדזשעט מיין קינדהייט
מיט באָרוועסע טריט,
און אויפן זילבער עקראַן פון זיכרון
עס כוואַליען די ברויזנדע יוגנט יאָרן.
און פון די סודות׳דיק בערגיקע געפלעכטן
שוימען אַרויס אַלע פריידיקע נעכטנס.

דאָ — האָט די אייביק הונגעריקע צייט
פאַרשלונגען יעדן הייסן פליסטער
יעדן זילבער קלאַנג
פון דעם כישוף געזאַנג:
ליבע. . .

ליבע!. . .
אָט דער אויסגעטרוימטער וווּנדער
וואָס האָט מיין נשמה געפאַנגען
איז דאָ — אַמאָל —
אין דעם צעבליטן טאָל
פאַרבייגעגאַנגען —
און אַוועק. . .

אויף זיין לעצטן וועג
מיטגענומען אַלע טראָפּנס פרייד. . .
געבליבן בלויז אַ חלום
אָן אַ באַשייד. . .

מאָנטיסעלאָ 1980

מזמור שיר לאידיש

מאַמע לשון — די קרוין צווישן שפּראַכן:
גענערט מיט דיינע זאַפטן
האָט דאָס פאָלק
פון אַלע פינצטערע קאָשמאַרן
אויפסניי געטאָן דערוואַכן.

דורך אַלע גלותדיקע זאַווייען
אין ליידן פּיין און ווייען
דורך לענדער און יַמען
אין אַשן און פלאַמען
אַוו דער גורל האָט דעם איד פאַרטראָגן
אַ בשורה פון דערלייזונג
האָסטו צו דיין פאָלק געטראָגן.

און ווו געלאַנדעט ס'האָט דער איד
האָט זיך מיט גאָלדענע זאַנגען
אויפסניי צעבליט
דאָס אייביקע אידיש ליד
מיט צאַרטע פידל קלאַנגען
אין קאָסמאָס זיך צעשפּילט.

אָ מאַמע אידיש! מיט דיינע צניעותדיקע שטערן־טיכלעך
מיט די פאַרבענקטע „גאָט פון אברהמס״. . .
מיט די צאַרטע תחינה חֵנען,
אויף אייביק וועסטו פאַר אונדז שיינען. . .

אויף אידיש האָט אַמאָל
ר׳ לוי יצחק זיך מיט גאָט געקריגט
פאַר דעם געפּלאָגטן פאָלק ישראל. . .

אידיש — אַ געפלעכט פון זוניקע שטראַלן
פון פערלדיקע מאָרגן טויען
אַזאַ צניעותדיקע שיינקייט
טוט פון דיר ווייען. . .

אוצר אידיש! דיין ירושה אַ ליכטיקער שייער —
וואָס גליט און בלענדט מיט אייביקן פייער. . .
אידיש — דער שיר־השירים פון לשונות —
אין אַלע וועלט מקומות
ביסטו אידיש
דער גרעסטער חידוש. . .

אויף אייביקע דורות
וועסטו די וועלט באַלייכטן
מיט דיינע הייליקע תורות. . .

מיאַמי ביטש, יאַנואַר 1984

פון אומקום צו אויפקום

(צו ישראל)

ס׳האָבן די פלאַמען פון טרעבלינקע
באַלויכטן דעם בלוטיקן אַרום
און געריסן זיך עקשנותדיק
צו די הימלישע הויכן
מיט אַ שמע־ישראל פון קדושים
וואָס געגלויבט האָבן פרום
נאָר דעם העכסטן הימל
ניט געקענט דערגרייכן.

און אַזוי איז מיין פאָלק
מיט דעם געזאַנג פון אַני־מאמין
פאַרגאַנגען אין וואָלקנס
פון רויך און פלאַמען.

פלוצים האָט עס אויפגעטויכט
דורך די פייערדיקע זיילן
דאָס תנכישע לאַנד
צעשפרייט אויף גרינע היגלען.
עס ציען זיך צו אים מחנות
אויף גלותדיקע מיילן
נאָר פאַרשלאָסן זיינען די טויערן דאָרט
אויף אַלע זיבן ריגלען.

און עס זיינען גיבורים אויפגעשטאַנען
פון דעם טויטן טאָל פון ביינער
און מיט שטורעם זיך אַ לאָז געטאָן
דאָס לאַנד צו באַפרייען.
איצט ביסטו ישראל
שוין אויף אייביק מיינע
און אויף אייביק דו —
מיין אויסגעבענקטע שטאָט ירושלים.

איז מזל־טוב דיר ישראל
צו דיינע 37 יאָר
אַ קרוין פון „ענטעבע״
טוט דיין קאָפּ באַצירן.
פון אַ דורות לאַנגן חלום
אויפגעבליט האָט אַ פּרעכטיקע וואָר.
דורך פאַרוואָלקנטע הימלען
שיינט אַ שטראַל פון פרידן.

עס שאַלן שופרות
איבער באַרג און טאָל
און עס שימערן די ליכטער
פון דיין קרוין שטאָט ירושלים
אַ סאַלוט צו דיר לאַנד מיינס
און דעם גאַנצן פאָלק ישראל
פאַר דיינע העלדישע גיבורים
לאָמיר אויסטרינקען „לחיים״!

ניו־יאָרק, מיי 1985

צו מיין פאָלק

איך בין שטאָלץ מיט דיר מיין פאָלק
מיין דורות־אַלטער שטאַם.
ווי אַ ליכט טורם צווישן שטערן
דו שיינסט מיט דעם העלסטן פלאַם.

אויף דיין קאָפּ אַ קרוין
פון דורות אַלטער פיין,
מיט פערל פון באַרג סיני
זי שימערט מיט גאָלדן שיין.

מיט רחמימדיקער שיינקייט
עס שטראַלט דיין מידער בליק,
אין דיין גייסטיקער גרויסקייט
פאַרבאָרגן ליגט דיין גליק. . .

פון לעגענדעס און ניסים
ס'איז געוועבט דיין שווערער לעבן
און דאָך — די גרעסטע אוצרות פון באַשאַף
האָסטו דער וועלט געגעבן. . .

לוחות מיט געבאָטן
פאַר דער מענטשהייט געשריבן
נאָר געהאַסט האָבן דיך די פעלקער,
פון לאַנד צו לאַנד געטריבן. . .

דורך פייער און בלוט
געוואַנדערט אויף דער ערד
געטראָגן מיט זיך אַ חלום
פון אַ וועלט אָן אַ שווערד.

פאַר אַלע פעלקער און לענדער
אין שלאַכטן געגאַנגען
פאַר פרייהייט אידעאַלן
אויף תליות געהאַנגען.

מיט אידישע מאַרטירער
האָט די וועלט געקלונגען,
האָבן דיך שפּעטער די זיגער
אין טייכן בלוט דערטרונקען.

אָט צו דיר מייַן וווּנדער פאָלק
זינג איך איצט אַ ליד,
צו דעם עם קשי־עורף
צו דעם פאַרעַקשנטן איד —

וואָס איז אַ לעבעדיקער אַרויס
פון דעם אוישוויצער אויוון
און מיט אַ באַנייטן גלויבן
אין דעם דורות אַלטן טרוים
קיין ישראל אַוועק בויען
אַן אייגענע היים.

ניו־יאָרק 1978

דער נייער איד

(געווידמעט דעם 6־טאָגיקן קריג)

אויפן אַקסל אַ שווערד,
מיט אַן אַקער אין האַנט,
האָבן די העלדן פון מיין פאָלק
געבויט דאָס אידישע לאַנד.

און ס׳איז יעדער שפּאַן דאָרט אויסגעווייקט
אין טרערן און בלוט
אויסגעקעמפט אין שלאַכטן
מיט גבורה און מוט.
פון אַ מידבר אַ וויסטן
פון שטיינער זאַמד און שטויב
אַ בליענדע לאַנד אויפגעבויט.

עס רוישן מאַשינען
עס הודזשען טראַקטאָרן
עס פליען אַוויאָנען
מיט קאָמפּיוטער מאָטאָרן —
געבויט מיט גאונות פון אידישע מוחות,
אין די בלויע הימלען זיי טראָגן זיך ווי רוחות —
די שטאָלענע אָדלערס אין זונשיין צעהעלט
זיי וואַרפן אָן אַ פּחד אויף דעם שונא׳ס געצעלט.

און פאַרחידושט קוקט די וועלט
מיט גיפטיקע בליקן;
איז דאָס דער אַלטער „מאָשקע״
מיט דעם געבויגענעם רוקן?
וואָס דורך דורות געווען
הפקר ווי דער ווינט,
אַ „בערן־טאַנץ״ געטאַנצט
פאַר די פּריצים די הינט?...

און די אַלע פריינט פון „נייעם טעסטאַמענט״
זיי נעמען מיין פאָלק אַרום מיט „שטעכיקע הענט״ (לייוויק)
און פון איבעראַל
זיי פרעדיקן מאָראַל;
פאַוואָליע ישראל — שיס ניט אַזוי פעסט!
זיי גנעדיק צום שונא וואָס איז אַריין אין דיין נעץ!

נקמה? — עס פּאַסט ניט פאַר אַ נביאישן שטאַם. . .
וואָס וויל דער שונא מער ווי וואַרפן דיך אין ים?
און אויב געצווונגען ס׳האָט דער שונא דיך
אַרויסגיין אין מלחמה
באַהאַנדל אים מיט חסד. . .
נעם ניט קיין נקמה. . .

פאַראַנקערט טיף אין באָדן
פון אַן אייגענער לאַנד,
שטייט „ישראל סבא״ איצטער פעלזן־פעסט;
עס טרוימט דער שונא פון פאַרניכטונג,
נאָר קורץ איז זיין האַנט
ס׳האָט געשיכטע פאַרלוירן
מיט מיין פאָלק דעם פאַרמעסט!. . .

ניו־יאָרק 1978

דער חלוץ

אין דורותדיקן וואַנדער
דורך אָפּגרונטן און יאַמען,
פון דעם באַחרית הימים
ניט אויפגעהערט טרוימען
אַלע פאַלשע געטער
זיין גורל אָנפאַרטרויט
אויף „פאַטאַ־מאָרגאַנאַס״
פרייהייט טורעמס געבויט.

ביז — אין בליצן פון אַטאָמען
אין געשפּענסט פון פייער פלאַמען
ס׳האָט אָפּגעהילכט אַ רוף:
ביז וואַנען, אָ, ביז וואַנען!
געיאָגט און פאַרפאָלגט
פון מעכטיקע טיראַנען,
צווישן פרעמדע פעלקער שפּאַנען?

שטרעק אויס דיין שטאַרקע האַנט
צו דיין אַלטן ווּנדערלאַנד
ווּ אַ פאַרביקער געוועב
פון נעכטנס און היינט,
ווּ אַ נייע יצירה
גייט אויף אין לייד און פּיין
קום אַהער דו יוּנגער בויער
אין דיין צוקונפט שפּאַן אַריין!

און ס׳האָט דער יוּנגער וואַנדערער
דעם פלאַמיקן רוף דערהערט
אַ צעשטראַלטער אין לאַנד געקומען;
אונטער ברענענדע זונען
זיך באַהאָפטן מיט זיין ערד
מיט אַ נביאישער וויזיע
פון אַ נייער וועלט
זיך אין די רייען פון בויער געשטעלט.

מיט אָרעמס מעכטיקע צעשפּרייטע
זיין לאַנד אַרומגענומען
דעם גורל פון ישראל
מיט דעם חלום פון פרייהייט פאַרשפּונען
אין דעם תנכיש־אויסגעטרוימטן האַפן
דערפילט די פרייד פון שאַפן.

און ס׳האָט אַ נייער „יהי אור״
אין דער מדבר אָפּגעקלונגען;
ווי שטראַליקע זונען —
האָבן טויזנטער ליכטער
דעם נאַכטיקן חושך פאַרשלונגען.
אונטער פאַרבענקטע התקווה קלאַנגען
און פריידיקע „האָראַ״ געזאַנגען
איז אַ נייער ווייס־בלויער שטערן
אין די הימלען אויפגעגאַנגען. . .

ישראל 1958

יציאת ענטעבע

דורך טויזנטער מײַלן אין אַ פינצטערער נאַכט
ס׳פליט אַ קאַראַוואַן מיט פּרעציזקייט פאַרטראַכט
ער טראָגט גיבורים פון ישראל צו אַ הייליקער שלאַכט
דאָס פירט יהונתן דער לעגענדאַרער העלד
די שטאָלענע פייגל צום ענטעבע פעלד. . .

דאָרט האָט אידי אַמין אין זײַן בלוטיקן געצעלט
הונדערטער אידן צום ווענטל געשטעלט
זײַנע שוואַרצע שפּאַרבער פליגל
איבער זיי פאַרשפּרייט
צו אַ גרויסער שחיטה
האָט דער קאַניבאַל זיך געגרייט!!

פליט דער קאַראַוואַן איבער אָפּגרונטן פון שרעק
עס איז פינצטער אַרום, און ווייט איז דער וועג. . .
און עס צאַפּלען זייערע הערצער
ס׳זאָל נאָר ניט זײַן צו שפּעט
דאָרט ראַנגלען זיך מענטשן אין נעצן פון טויט.

אויף מאָרגן מיט דעם אויפשפּראָץ
פון אַ וווּנדער באַגינען
מיט הונדערטער מענטשן
פון זיכערן טויט אַנטרונען
עס פליט דער לעגענדאַרער ניסים קאַראַוואַן
צוריק קיין ישראל צו דעם וווּנדערלעכן לאַנד

עס האָט די ענטעבע לעגענדע
זיך צעקלונגען איבעראַל
פון דעם פאַרמעסט פון ישראל
מיט דעם בלוטיקן קאַניבאַל.
אין דער דאָזיקער נאַכט
געפאַלן אין ענטעבע
אין דער בלוטיקער שלאַכט
איז דער העלד יהונתן
וואָס האָט די רעטונג פאַרטראַכט. . .

כל המקיים נפש אחת
כאילו קיים עולם ומלא. . .

(געווידמעט דעם קדוש יהונתן)

אָ יהונתן! דו שטאָלצער זון פון ישעיהו פאָלק —
מיט אַ וויזיע אין האַרצן צעגליט.
ס׳האָבן יאָרן פון שטורם און דראַנג
דיין העלדישע יוגנט געשמידט
מיט בראַווקייט, מוט און גבורה
דו האָסט דיין לאַנד און פאָלק געדינט.

מיט זוניקער ליבשאַפט אין האַרצן
האָסט די וועלט אַרומגענומען
דער חלום פון באַחרית הימים
האָט דיין צוקונפט טרוים געשפונען.

דאַן — ווען אין אַ פינצטערער גרויזאַמער נאַכט
ס׳האָט דער בלוטיקער טיראַן
אַ שחיטה איבער הונדערטער מענטשן פאַרטראַכט
האָט יהונתן זיין האַרץ און מוח איינגעשפאַנט
מיט טרייע העלדישע באַגלייטער
פאַרהילט אין טיפקייט פון נאַכט
פאַרפלויגן צום שונא׳ס לאַנד. . .

אין שטילשוויג פון אַ גורלדיקער נאַכט
ווי שטורם־פייגל, מיט קראַפט —
אין דעם שונא׳ס נעסט אַריינגעקראַכט!
אַלע צום טויט פאַר׳משפטע
צוריק צום לעבן געבראַכט!

אין דער דאָזיקער נאַכט
אין אָט דער גורלדיק טראַגישער נאַכט
ס׳איז געפאַלן יהונתן דער העלד
וואָס האָט די רעטונגס מיסיע פאַרטראַכט. . .

אָ יהונתן ! אויף אייביק
וועט אין אונדזערע הערצער
גליען דער גרויזאַמער צער און פּיין
פון די לעצטע רגעס
פון דיין טראַגישן פאַרגיין. . .

אויף אַלע אייביקייטן
וועלן דורות דיך געדענקען
און מיט ליבשאַפט און טרויער
נאָך דיר בענקען. . .

הויך אין די בלויע לאַזורן
מיט הימלישע גאָלד געוועבן
וועט ווי אַ ווייסער חלום
זיך שפּינען און וועבן
די לעגענדע יהונתן. . .

צווישן די פעלקער פון דער וועלט
וועט אויף אייביק קלינגען
דער נאָמען יהונתן
דער לעגענדאַרער העלד.


Performing at the home of Israel's President
ישראל קינדער זינגען אין הויז פון פרעזידענט

די מאַמע פון אידישן פאָלק

גאָלדע מאיר ע״ה

אָ גאָלדע! אין דעם חושך פון דער וועלט
האָסטו אַ ליכט געצונדן
דעם חלום פון גערעכטיקייט
צו דער מענטשהייט געטראָגן
געטרוימט פון אַ צייט
ווען דער האַס וועט פאַרשווינדן
ווען קריג און פאַרניכטונג
וועט פעלקער מער ניט פלאָגן.

אין אַ ים פון בלוט און טרערן
ביזטו געשטאַנען אין דער מיטן
צו די מאַמעס פון דער וועלט
מיט אַ רוף פאַר שלום
ביז דער גרויזאַמער טויט
האָט דיין לעבן פאַרשניטן
און אַוועק איז אַ טרוימער
פון אַ ליכטיקן חלום.

אוי גאָלדע! אַ לעגענדע אויף דורות
וועסטו ביי דיין פאָלק פאַרבלייבן
און שיינען וועט דיין נאָמען
מיט אַלע זיבן זונען
פאַרקריצט אין אונדזערע הערצער
מיט דיינע יסורים און ליידן
דיין גייסט און דיינע מעשים
וועלן דיין חלום ווייטער שפינען.

מנחם מענדל אין ישראל

שוין טויזנטער יאָרן
כ׳בין אויף דער וועלט אַ גייער
איך האַנדל מיט חלומות,
כ׳בין אַ וועלט באַפרייער. . .

אין דעם לאַנד פון טרוים
דאָרט בין איך אַ מלך
און כאָטש אויפן האַרצן
ניט אַלעמאָל ס׳איז פריילעך —
דאָך זינגט אין מיר אַן אַלטער ניגון
דאָס באַוווּסטע אידיש־ליד:
גלויב און האָף דו ביזט אַ איד —
גיי פאָראויס און ווער ניט מיד.

וואַנדער איך דורך לענדער
שוין אַזוי פיל יאָרן
אויף אַלע וועלט־יאַרידן
מיט מיין סחורה אויסגעפאָרן
דורות קומען, יאָרן לויפן
נאָר קיינער וויל מיין סחורה קויפן
אַלע פעלקער פון מיר לאַכן
אָט דער מנחם מענדל וויל די וועלט איבערמאַכן!

אין מיין וואַנדער איבער וועגן
ריזן בערג פון שטיינער ליגן
און אַלע פעלקער פון דער וועלט
איבער זיי זיך קריגן. . .
אוי, עס שרייט דאָרט יעדער איינער:
עס זיינען מיינע אָט די שטיינער!
עס ווערט די וועלט פון האַס צעריסן,
בלוט ווי וואַסער טוט זיך גיסן. . .

האָב איך מנחם מענדל
זיך אַמאָל פאַרטראַכט
די בענקשאַפט נאָך מיין לאַנד
האָט אין מיין האַרץ דערוואַכט
בין איך דער אייביקער וואַנדערער
אין מיין לאַנד געקומען
דעם מידן גוף אויסגערוט
צו דער אַרבייט זיך גענומען. . .

און איך מנחם מענדל
האָב דאָרט אויסגעבויט אַ לענדל,
וואָס איז גאָר אַ ווונדער,
פאַר אַלע מענטשן קינדער!
דעם נאָמען ישראל
דעם לענדעלע געגעבן
(אגב אַ סגולה)
פאַר אַן אייביק לעבן. . .

האָבן אַלע „שכנים"
דאָס לענדעלע באַטראַכט
זיי האָבן זיך צעוואָיעט
ווי שאַקאַלן אין דער נאַכט. . .
און עס שרייט אַיעדער איינער:
עס איז דאָס לענדעלע גאָר מיינע!!!

נאָר „אל תירא עבדי יעקב!"
לאָזט אַ שטים זיך הערן:
סאיז דאָס לאַנד געבויט
מיט אידיש בלוט און טרערן,
האָב ישראל מיין קנעכט קיין מורא,
כי מציון תצא תורה. . .

און ס'האָט דער כלל ישראל
דעם מוח איינגעשפאַנט,
אַ וואַזשנע סחורה אַ „פענאָמען"
געשאַפן אין מיין לאַנד. . .

בין איך איצט מנחם מענדל
שטאָלץ ביז גאָר מיט מיין לענדל,
איך האָב פאַר שונאים מער קיין מורא
אַלע ווילן איצט מיין סחורה. . .
כי מציון תצא תורה!. . .

ישראל 1986

ישראל קינדער ווינטשן
דער גאנצער וועלט
א גוט און גליקליך יאר
און שלום איבעראל

אַ נאַכט אַזאַ שטילע. . .

פון א באזוך אין ישראל

אַ נאַכט אַזאַ שטילע מיט אַ ווינטל וואָס גלעט
און מורמלט אַ סוד דיר אין אויער אַריין.
אַ זילבערנער נעפּל אויף בוימער זיך שפּרייט
און טרינקט אָן די ערד מיט דופּטיקן ווייַן.

פאַרוועבט ליגט אין טרוימען דער גאַנצער באַשאַף
אין דער לופט — ס'הענגט דער סוד פון דער נאַכט;
אַלץ וואָס עס לעבט איז פאַרזונקען אין שלאָף.
פון ווייטן — עס שימערט אַן אויג וואָס עס וואַכט. . .

הויך אין די הימלען, מאַיעסטעטיש געקליידט,
אויף אַ ויידענעם וואָלקן מיט שלווה באַזאַכט,
אין אַ מאַנטל פון סאַמעט מיט דיאַמאַנטן באַנייט,
שפּאַצירט זיך אַרום דער „פּרינץ פון דער נאַכט".

מיט אַ גרויסן לאַמטערן פון זילבער געשטיקט,
ווי מיט אַ סצעפּטער אין האַנט דער „פּרינץ" טוט באַלייכטן
די וועגן וואָס פירן צום אייביקן גליק. . .
וועגן געהיימע — אין אין־סוף באַהאַלטן. . .

לבנון

(פון אַ באַזוך אין ישראל)

עס ווײנט הײנט דער הימל
אין דעם גרויען באַגינען
און עס יאָמערט מײַן האַרץ
מיט בלוטיקע טרערן.
אפשר וועט איר הײנט אָ הימלען
מײַן הײליקע תפילה דערהערן ?
אין דעם טרויעריק שטילן באַגינען
איך וויל דאָס האַרץ פון דער וועלט געפינען.

דאָרט — אין לאַנד פון די צעדער
ווי פאַרשניטענע סנאָפּעס
עס פאַלן מײַנע יונגע ברידער
אין מײַ צעגרינטן בלי פון לעבן,
פאַר דעם לאַנד און פאָלק פון ישראל
דעם הײליקסטן קרבן געגעבן.

פון מדבר שויס האָט איר שטעט אַרויסגעכּישופט
אַ נײַעם שם־המפורש דעם זאַמד אַרײַנגעגעבן
איצט פאַראָבלטע זײַנען מיר נאָך אײך פאַרבליבן
אָפּגעהאַקט געוואָרן אײַער שאַליק ליד פון לעבן.
מיט אַזוי פיל נײַע קברים
עס ווערט די ערד פאַרזײַט
אָ גאָט ! וויפיל עקדות נאָך האָסטו
פאַר דײַן אויסדערווײלטן פאָלק פאַרגרײַט ? !

דו ביסט אַוועק. . .

(צואַ לבנון קעמפער) (עלעגיע)

ווי אַ פרילינג טרוים פון ווייסן בלוי
ביסטו צו מיר געקומען;
מיט אַ ניגון פון חלום און וואָר,
מיט שטראַליקע געוועבן
מיך צאַרט אַרומגענומען.

איינגעהילט אין פורפור פלאַמען
פון וווּנדער זון פאַרגאַנג
צופוסנס די בערג —
פאַרוועבט אין שטילן אָוונט טרויער
זינגען מיר צוזאַמען,
און דער פרילינג ווינט אויף זיין גיטאַרע
עכאָעט יעדן קלאַנג
פון דעם פאַרבענקטן געזאַנג. . .

ס׳האָט דיין קורצער זיין
ווי אַלטער כּישוף ווײַן
פאַרפלייצט מיין יעדן גליד,
מיט טרייסט און זונען שיין
געוועבט דיין ליבע ליד. . .

אָ איר בלויע טעג
מיט די גאָלדענע קרוינען
אין אַלע מוח געוועבן
נאָך היינט איר טוט נאָך וווינען.

טיף אין מיין האַרצן פאַרוועבט
די לבָניק באַשפרענקלטע נעכט
די שטראַליקע טעג מיט זונען דורכגעשפונען —
ביז דו ביסט אַוועק. . .

אין טרויער געפלעכט
עס קייטלען זיך איצט
די טעג און נעכט
און די פאַר־יתומטע טעג
זיי וויינען און מאָנען צוריק
כאָטש אַ טראָפּן גליק
פון דער געגאַרטער פרייד פון לעבן
וואָס דו האָסט מיר געגעבן. . .

דו ביסט אַוועק —
אויף דעם אין־סופיקן וועג,
וואָס פאַרשלינגט און פאַרלענדט. . .
און אַלע ליכטיקע שטערן
האָבן אין מיין האַרצן אויסגעברענט. . .

ערגעץ אויף דעם שייד־וועג פון גורלות
צעשמעטערט אויף שטויבן
פאַרבליבן אונדזערע טרוימען. . .
ערגעץ טראָגט אַ ווינט צו די בלויע רוימען
דיין לעצטן באַגער,
דיין לעצטן זיפץ, דיין לעצטע טרער. . .

אין אַנגסט־רוף אין בענקשאַפט
אין שטומען געשריי
עס צאַפּלט מיין האַרץ
אין פיין און געוויין
און עס גליט אויף אייביק
דיין לויטערער שיין.

...דו ביסט אַוועק,
און איך וועל דיר נאָכגיין
ביז צום סוף פון די טעג. . .

ישראל 1984

מיין שטאַם

טיף פאַרוועבט אין מיין צעברויזטער נשמה
מיט אַלע דיינע לײדן און פיין
ביסטו מיין הייליקע אידישע אומה
איך בין ביין פון דיין ביין
בלוט פון דיין בלוט
אויף אַלע דאָרניקע וועגן
איך גיי מיט דיר מיט.

ווען אין חורבות צעשמעטערט
איז געלעגן מיין וועלט
ווען גרויע פינצטערע וואָלקנס
האָבן אַלע הימלען פאַרשטעלט

דו ביזט געווען מיין עמוד־האש
פון דיינע קוואַלן כ׳האָב געשעפּט אמונה
מיין הייליקע אידישע אומה.

ווי די פלאַמיקע זון נאָך אַ פינצטערן שטורם
דו ווערסט כסדר געבוירן אויפדאָסניי
דו ביסט ווי אַ לייכטענדער טורם
ווי אַ צעגרינטער וואַלד אין מיי.

דורך דורות פון שייטער און פייער
דורך טייכן פון בלוט און טרערן
אויף אַ גאָלדענער קייט אין זוניקן חלל
שיינען ווי ליכטיקע שטערן
אויף די קאָסמישע געוועבן
אַלע אייביקע ווערטן
וואָס דו האָסט דער וועלט געגעבן.

ווי אַ וווּנדער שטערן אין די רוימען
דו לעבסט אין אַלע מיינע טרוימען
דו ביסט דער נס פון דורות
פון מיין חלום דער פלאַם
דו מיין וווּנדערלעכער אידישער שטאַם.

ניו־יאָרק 1982

די געטער זיינען דורשטיק

מיט ברייט צעגומענע פּאָלעס
מיט אַ בלוטיקער קאָסע אין האַנט
אויף אַ פייערדיקער מרכבה
עס רייט דער מלאך המות —
זינגט פריילעך אַ ליד.
ער האָט היינט אויף די פעלדער
אין לאַנד פון די אָבות
געהאַט גאָר אַ רייכן שניט. . .

פון בלוט פאַרפלייצטע ימען
פון אַלע בלוטיקע שטראָמען
פון די טיגלען פון גהינם
פאַר די דורשטיקע געטער
אַ סעודה צוגעגרייט. . .

נאָר די געטער אייביק דורשטיק
מיט די פייערדיקע צונגען
אַזוי פיל בלוט
ביז איצט פאַרשלונגען,
איבער בליצן, פייער־פלאַמען
דורך שייטערס, טויטן־פעלדער שפּאַנען
ווי די שדים ברומען, רעווען:
בלוט! בלוט! בלוט!

לבנון 1983

עושה שלום

אויף אַ ליכטיקן שטראַל
פון האָפענונג געשפּונען
טראָגט זיך אַ תּפילה
די שמונה־עשרהדיקע־שטילע
„שלום" איז איר נאָמען.

די וווּנדערליכע וויזיע
פון תּנכ׳ישע געשטאַלטן
אָט די שטילע תּפילה
וואָס קען הימלען, שפּאַלטן. . .

די הייליקסטע פון דורות
מענטשליכע באַגערן
געוועבט איז זי פון בלוט
און פון מאַמעס טרערן. . .

ווי אַ ליכט־טורעם זי טראָגט זיך
אין די הימלישע הויכן
איר מיסיע:
די טויערן פון רחמים
זי האָפט צו דערגרייכן. . .

פּלוצלינג האָט „מעפיסטאָ"
זיך אין די רוימען דורכגעריסן
און האָט די דורות־אַלטע תּפילה
אויף שטיקעלעך צעריסן!
פליען זיי איצט געשענדעטע
אין געווירבל פון פּלאַנעטן —
די תּפילה׳דיקע אותיות
פון די הייליקע פּאַרמעטן.

אין געראַנגל מיט דעם טייוול
אין יסורים אויסגעגאַנגען
צו די שערי רחמים
קיינמאָל ניט דערגאַנגען. . .

מיאַמי 1980

אַן אַלטער ניגון

(געווידמעט דער וואָך פון אידישער מוזיק)

אין מיין נשמה רוישן קלאַנגען —
עכאָס פון דורות געזאַנגען
וואָס מיין פאָלק האָט
אין טעג פון שטורמישע זאַווייען
פון צער און פיין און ווייען
אין תפילות אויסגעזונגען.

אויף פליגל פון געזאַנג
בין איך יאָרן לאַנג
מיט פאַרטרערטע אויגן
צום לאַנד פון טרוים געפלויגן.
אין די האַרציקע ניגונים
וואָס מיין פאָלק האָט פאַרשפונען
האָב איך טרייסט און פרייד געפונען.

נאָר ווי דינע פידל קלאַנגען
וויברירט אין מיין זיכרון
אַן אַלטער כישוף ניגון
וואָס האָט מיין האַרץ געפאַנגען:

דאָס איז דער וווּנדער וועלט פענאָמען
וואָס באַזיגט האָט אַלע שונאים —
עם ישראל חי! —
ס'איז זיין געקרוינטער נאָמען...
דאָס ליד פון אייביקן איד.

מימי 1983

דו ביסט געקומען

אין א זוניק צעשטראַלטן באַגינען
ביסטו געקומען.
אַ קראַנץ פריש־טויאיקע בלומען
ארום מיין קאָפּ פאַרפלאָכטן
און שטיל געפליסטערט:
אין דעם קרייז פון ליכטיקע שטערן
ביסטו געבאָרן
דו ביסט די בת־מלכה פון מיין חלום.

און ס׳האָט דיין שטראַליקער בליק
אין מיין האַרצן צעצונדן דעם פלאַם
פון שיר־השירימדיקן גליק.

אין די אויסגעבענקטע נעכט
דו ביסט געקומען. . .
און אַלע צעשטערנטע הימלען
האָבן זיך אין קאָסמאָס צעזונגען. . .
אין שיכחה פאַרזונקען —
האָבן מיר ווי דורשטיקע לעמער
פון פריידיקן קוואַל געטרונקען. . .

ווען דער מאָרגן־רויט
אנטפלעקט האָט
דעם זוניק־צעשטראַלטן סטעפּ
א טויאיק ווינטל האָט געקושט
אונדזערע צעפלאַמטע קעפּ.
ווי צוויי צעפיבערטע פייגל
זיינען מיר זינגענדיק געפלויגן
צו דעם ווייס־בלויען ראַנד
פון דעם אויסגע׳חלומטן לאַנד. . .

מיינע טרייע „באַגלייטער״

אַזוי פיל יאָרן זינט דאַן שוין פאַרביי
זיי טויכן אויף אויפסניי און אויפסניי
אין אַרכיוו פון מיין זיכרון
מיינע טרייע באַגלייטער
פון יענע טראַגישע יאָרן. . .

נאָך היינט אין מיינע בלוטן טיף פאַרבאָרגן
די גרויזאַמע טויטליכע שרעק
וואָס האָט מיט בעסטיאַלישע לאַפּעס
מיך געשטיקט און געוואָרגן. . .

דאָס געזאַנג פון מיין מאַמע
אין פאַרבענקטע פאַרטאָגן
דער טייערסטער אוצר
וואָס כ׳האָב אין האַרצן געטראָגן

די טרערן קוואַלן אין וועלכע
כ׳האָב מיינע יסורים דערטרונקען
ווען פון „פּלי אין די הימלען״
צו דער בלוטיקער ערד געזונקען

דער מאַקאַברישער געראַנגל
פאַר דעם ווילן צו זיין
אין אַ שטורמישן ים
פון בלוט און פּיין

די אוישוויצער פלאַמען
וואָס האָבן אַלע הימלען פאַרשטעלט
די פלאַמיקע בענקשאַפט
נאָך מיין פאַרברענטער וועלט. . .

די שמע־ישראלס פון מיליאָנען
טאַטעס און מאַמעס
וואָס האָבן גאָט גערופן
פון די אוישוויצער פלאַמען.

די גרויליקע שוידער קלאַנגען
פון דעם טויטן מאַרש אין קייטן
פון אַ געפּייניקט פאָלק
וואָס איז אויף קידוש השם געגאַנגען

דער בלוטיקער אָפּשיין
פון די העלישע געטאָ פלאַמען
נאָך היינט זיי גליען און ברענען
אין מיין צעווייטיקטער נשמה —
און לעכצן נאָך נקמה!

אָט די אַלע „מיינע באַגלייטער״
פון יענע פינצטערע יאָרן
וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן
אין שפּייכלערפון זיכרון. . .

ווין, עסטרייך 1946

דער בוים פון וויסן — עץ הדעת

אָ, גרויסער גאָט! ווער דו זאָלסט ניט זיין.
צי אַ שיינע לעגענדע, צי אַ ליכטיקער אמת.
האָב רחמנות!. . .

מיליאָנען יאָרן אין דער אייביקייט אַוועק
זינט יענע בראשיתדיקע טעג —
ווען דו האָסט דעם זינדיקן אָדם
מיט צאָרן פון גן־עדן פאַרטריבן.
מיט פלאַמיקן וואָרט, און אַ פאַקל אין האַנט
ס'האָט בן־אָדם מיט זיין אַנטפלעקטער שאַנד
דורך חושך פון דער וועלט געשפאַנט
און. . . ביז היינט אַ נאַקעטער פאַרבליבן. . .

און ס'האָט דער עץ־הדעת — דער בוים פון וויסן
אויף דער וועלט זיך ראַשיק צעבליט
מיט וונדער אוצרות פון חכמה
געניאַלע מוחות געשמידט,
געוויקלט אין שטראַלן
מיט שטאָלץ און גבורה ס'האָט בן־אָדם
געזונגען פון פרייהייט דאָס ליד. . .

איצט אונטער דעם בוים פון וויסן
די וועלט — אין טייכן פון בלוט, פון וווּנדן צעריסן,
שיכור פון מאָרד און שנאה,
ס'איז איר זיג־זאַגישער גאַנג
אין דער לופט וויברירט
דער אַטאָמישער קלאַנג!
געשמידט אין קייטן — אַ שדים־וועלט
מאַרשירט צו איר טראַגישן ענד. . .

אונטער דעם בוים פון וויסן
בן־אָדם אין גליאיקער פּיין
מיט ציטערנדע פינגער
אויף גורל׳דיקע סטרונעס
שפּילט אויס דעם צער פון פאַרגיין. . .

אָ, גרויסער גאָט! ווער דו זאָלסט ניט זיין.
צי אַ שיינע לעגענדע
צי אַ ליכטיקער אמת —
האָב רחמנות!. . .

קעלץ, פּוילן 1946

די לבנה

אַ זומערדיק בלויער קאַיאָר
אין טויאיקן זילבער פאַרהילט,
אַ דראַמע פון ליכט און שאָטן
האָט זיך אין קאָסמאָס צעשפּילט

אויף אַ פּוכיק ווייסן וואָלקן
שווימט אַ בלאַסע לבנה פאַרטראַכט. . .
אַ גאַנצע נאַכט האָט זי די „צנועה"
מיט פינקלענדע שטערן פאַרבראַכט. . .
אין די הימלען אַ שיינענדע שפּאַצירט
מיט די מלאכים פון ליבע ראָמאַנסירט.
פּלוצלינג האָט אין מזרח
אויפגעבליצט אַ פּראַכט!
אַ גאָלדיק פּורפּורענע זון
האָט פון שלאָף אויפגעוואַכט.

מיט אַ גליאיק שיינענדער קראַפט
זיך אין בלויע הימלען פאַרקליבן
אַלע שאָטנס פון דער נאַכט
אין ווייטן אין־סוף פאַרטריבן. . .

פאַר׳כישופט פון פּראַכט פון יצירה
בלייבט די לבנה שטיין;
אוי! ווי באַנג עס טוט איר איצט
אין די הָרי־חושך גיין. . .

נאָר אָט קומט אַ פאַרטרוימטער זון־שטראַל
פון איר בלענדענדער שיינקייט באַנומען
און אויף דעם בלויען הימלישן טעפּיך
האָט זיך אַ צאַרטע ליבע פאַרשפּונען.

מיט אַ הייסן צערטליכן קוש
האָט ער איר האַרץ געפאַנגען
אין זיינע שטראַליקע אָרעמס פאַרזונקען
איז זי אַ שטילע אויסגעגאַנגען. . .

אַ שיכּורער וואָלקן

געבוירן אין יאָמער טאָל
אין אַ טייך פון בלוט און טרערן
פון שטורמישעווינטן געטריבן
ביז צום ראַנד פון שטערן

אין צייט־לאָזן ענד
שיכּור פון צער און צאָרן
איך הענג אין פוסטן חלל,
אויף אַ מעכטיקן דונער
איך וואַרט שוין יאָרן

ער זאָל מיט זיין בליציקע קנאַלן
צעטרייסלען די זיילן
פון אַ מערדערישער וועלט
וואָס דאַרף זיך צעפאַלן.

אין דעם חושך פון דער וועלט
צווישן ליכטיקע זונען
איך שווים אין די אין־סופן
און קען קיין וועג געפינען.

חלומות

ס׳האָט אַ קאַראַוואַן פון חלומות
מיין דמיון איינגעשפּאַנט,
זיי זוכן מיינע אַמאָלן
אין יעדן וואונדערלאַנד. . .
מיט אַ כּישוף שפּרונג זיי פאַנגען,
ברענגען זיי צוריק
אָפּנעמען ביי זיי
כאָטש אַ טראָפּן גליק. . .

צווישן פעלדער, וועלדער
צווישן בערג און טאָלן
זוכן זיי פאַרבענקטע
די שטראַליקע אַמאָלן. . .

טעג געוועבט פון רעגנבויגן
איינגעשפּאַנט אין יוגנט טרוימען
אויסגעשפּונען נייע וועלטן
אין וואונדערגאַנג צעהעלטן.
צו דעם ליכטיגנדיקן מאָרגן
צו די צוקונפט שטערן ליכטער
לאַנג שוין לאַנג פאַרפלויגן. . .

אָ איר פריידיקע אַמאָלן
וווּ זייט איר אַנטרונען?
וווּ קען מען אייך געפינען?. . .

אויגן

אויגן שוואַרצע
אויגן ברוינע
אויגן הימל בלויע
אויגן שטראַליק גרויע

אויגן וואַכן
אויגן שטוינען
אויגן לאַכן
אויגן וויינען

אויגן טאַדלען
אויגן גלעטן
אויגן מאָנען
אויגן בעטן

אויגן בענקען
אויגן זוכן
ווייט און ברייט
פאַרגאַנגענע פרייד. . .

און איבער אַלע
אויגן אידישע
פייער פלאַמען
טיף ווי די יאַמען
און עס גליט אין זיי
דער גאַנצער צער און ווי
פון אַ געפייניקט פאָלק. . .

ניו־יאָרק 1980

מיין אידיש ליד

ווּ מיין גורל זאָל מיך ברענגען
ווּ איך זאָל אין לעבן גיין
נעם איך מיט מיין אידיש לידל,
בין איך קיינמאָל ניט אַליין.

האָט מען מיך פון שטוב פאַרטריבן
ווייל געבוירן כ׳בין אַ איד
האָט מיין מאַמע מיר געגעבן
אויפן וועג אַ אידיש ליד.

ווען געהאָגלט ס׳האָט מיט פייער
און געלאָפן כ׳בין פון פיינט
באַגלייט האָט מיך מיין איינציק טייער
מיין אידיש ליד, מיין בעסטער פריינט.

אין טעג פון שטורעם, אין טעג פון רעגן,
אין טעג פון בלאַסן זונען שיין
כ׳נעם דיך מיט אויף אַלע וועגן
בין איך קיינמאָל ניט אַליין.

אין וואַנדער וועג דורך פיין און טרערן
ווען אַלע טרוימען פאַלן מיד,
פליסטער איך אין שיין פון שטערן
מיין תפילהדיקע ציון ליד.

אַ ליד וואָס שטראַלט פול מיט גלויבן
פון אַ פאָלק וואָס בענקט אַהיים,
מיט דיר — מיין ליד — מיין אַלטער חלום
וועל איך צו מיין לאַנד דערגיין.

איטאַליע 1948

טרוימען

אין יעדער בלום, אין פלאַנץ, אין בוים
טיף אין די וואָרצלען
פאַרקריצט איז אַ טרוים
צו שפּראָצן, גרינען און בליען
צו דער ליכטיקער זון זיך ציען
— און וואַקסן. . .

וואַקסן, —
טראָגן אַלע שטורעמס, זאַווייען
— און שלאַקסן —
שטרעקן זיך צו די הייכן,
די הימלען דערגרייכן. . .
אַ חלום פון קדמונים. . .

מיין טרוים:

זיין אַ „צוימענברעכער״
אין שטראַליקן רוים.
אין שטערן גלי געלייטערט
טרינקען פון טויאיקן בעכער.
מיט דעם אָדלער אין פאַרמעסט
פליען אַלץ העכער און העכער. . .

זיך טובלען אין קוואַל פון בראשית
אין הייליקן פלאַם צעהעלט. . .
גרייכן דעם גאָלד בלויען בלענד
פון דעם אין־סופיקן ענד.

ניו־יאָרק 1980

די אַלטע וועלט

(פאַר די שולן)

צי ווייסט איר מיינע פריינט
וואָס האָט מיט מיר געטראָפן?
א וועלט אונטערגאַנג
האָב איך די נאַכט פאַרשלאָפן. . .

איך האָב היינט אין אַ גאָלדיק בלויען באַגינען
די וועלט אַן איבערגעקערטע
אין דעם טייך געפונען. . .

איידער ס׳איז אין מיזרח
די זון אויפגעגאַנגען
האָט די פאַרהאַסטע אַלטע וועלט
זעלבסט־מאָרד באַגאַנגען.

אַ האָפנונגסלאָז פאַרצווייפלטע
אין טייך אַריינגעשפרונגען.
האָט אַ פויגלשער אָרקעסטער
זיך פריידיק צעזונגען.

פון אַ נייער וועלט אַ פרייער
זיי טראָגן איצט אַ בשורה
ניטאָ מער די גרויזאַמע
אַלטע ארורה!

מיליאָנען יאָרן דורכגעלעבט
איצט שוין אַלט און קראַנק
פון בראשית ביז איצט
איז פאָלג מיך אַ גאַנג. . .

אין בלוט אירע קליידער
אויפן קאָפּ אַ קין־צייכן
אין גאַנצן קאָסמישן באַשאַף
ניט געווען איז איר גלייכן

טאָ פרייט אייך אַלע מענטשן קינדער
זינגט מיט מיר איצט שירה
ס׳איז געשען דאָס גרעסטע וווּנדער
ניטאָ מער די ארורה:
די פאַרשאָלטענע אַלטע וועלט!

נעכטיקע טעג

אויף דעם שיידוועג פון צייט
מיט אַ בליק אַ פאַרבענקטן
צו די ווייטע האָריזאָנטן,
דאָרט ווו הימל און ערד
נעמען זיך ליבליך אַרום,
איך שטיי — אַ פאַרוויאַנעטע בלום —
פאַרוואָרפן אויף אַ פרעמדן וועג
אַ מידע, איך זוך די נעכטיקע טעג. . .

טעג שוין לאַנג פאַרגאַנגענע
זיי ציילן זיך אין יאָרן,
צעהעלטע פלאַמען אויף
אין רייסטער פון זיכרון,
און צינדן אָן מיט פלאַמען
די בענקשאַפט טיף פאַרבאָרגן
נאָך דעם צעברויזטן וונדערגאַנג
צו דעם ליכטיקן מאָרגן. . .

מיט אַ מעכטיק געזאַנג
פון שטורם און דראַנג
דורך דורות אויסגעשמידט אין קאַמף,
אויף שליאַכן זוניק צעהעלטע
מאַרשירט די יוגנט צו נייע וועלטן.
אַ פאַנטאַסטישער טרוים מיט פרייהייט באַזעלט
האָט באַגלייט די נעכטיקע טעג
אויף זייער שטראַליקן וועג.

אָ, איר קעמפעריש צעברויזטע טעג!
ווי אַ ליכט טורם האָט איר געלויכטן
אויף מיין פינצטערן וואַנדער וועג.
נאָך איצט — אין בין־השמשות,
פון פלאַטער פלי שוין מיד,
אין מיין האַרצן שאַלט אויף די עכאָס פון ליד
פון די קעמפערישע רייען
און איך בענק נאָך דעם חלום
וואָס קען מער ניט געדייען. . .

ניו־יאָרק 1986

די נייע הגדה

שוין הונדערטער יאָרן דערציילט די הגדה
ווי אונדזער פאָלק איז פון קנעכטשאַפט
צו פרייהייט אַרויס.
וווּנדערלעכע ניסים האָבן דאַן פּאַסירט
ווען משה האָט דאָס פאָלק
דורכן ים־סוף געפירט. . .
אָבער היינט ניט פּאַסירט האָבן
קיינע ניסים און ווונדער,
ווען ס'האָבן די הענקער
געמאָרדעט אונדזערע בליענדע קינדער.

צו די הימלען איז פאַרגאַנגען
זייער גרויליקער געוויין.
ניט געהערט האָט זיי קיינער
און ניט גאָט אַליין. . .

און ס'האָבן די מערדער געשאָסן
געברענט און געשטיקט,
נאָר קיין משה האָט גאָט
צו זיין פאָלק ניט געשיקט. . .

ווין, עסטרייך 1947

19־טער אַפּריל 1943

(די געטאָ העלדן)

היינט אין דעם טראַגישן יום הזיכרון
אין די טרויעריק פאַר׳יתומטע טעג
אָן אַ ברעקל טרייסט אָן אַ שיין פון נחמה
פלאַמען ווידער אויף אין זיכרון
די געשפּענסטיקע טעג
פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. . .

ווען אין בלוטיקע נעפּלען געהילט
האָט זיך אין די ווייטע עולמות
אין שוידער, בלוט און פּיין
אויפֿדער וואָגשאָל פון גורלות
געוויגט דער „זיין — אָדער ניט זיין״
פון דעם אידישן שטאַם.

ווען קוואַלן פון טויט האָבן פאַרפלייצט אַלע וועגן
און אַ מבול פון פייער און בלוט
האָט געשטראָמט אייך אַקעגן —
האָט איר מיט שטוינענדע גבורה און מוט
מיט „תמות נפשי אם פלישתים״
אַ טרייסל געטאָן מיט די געטאָ ווענט
און אין דעם בלוטיקן קלעם
געפאַלן על קידוש העם ועל קידוש השם. . .

איך זע זיי די קעמפער
אויף ברענענדע חורבות,
זיי פלאַטערן ווי בראַנדיקע פאָנען
אין דער גרויזאַמער שלאַכט
מיט דעם שונא׳ס קאַנאָנען. . .

צעלויכטן אין בראַנדיקן פייער
זיי טויכן אויף אויף פלאַמיקע לייטער:
יעדער פון זיי אַ ברענענדער שייטער!
אין דעם לעצטן גסיסה קראַמפּף —
מיט באַנומענע קולות זיי רופן:
צום קאַמף! אידן, צום קאַמף!

אין העלישע פלאַמען
עס פלאַטערן פאָנען
וואָס רופן נקמה! נקמה!
פאַר די אומגעבראַכטע מיליאָנען,
פאַר דעם אידישן כבוד
פאַר דער אידישער נשמה!

אָ איר הייליקע גיבורים!
עס האָבן פייער און בלוט
פאַרזיגלט אייער טראַגישן גורל
נאָר אויף אייביק
וועלן די געטאָ פלאַמען
די וועלט דערמאָנען
אייער גבורה און מוט!

וועגן אייער העלדישן אומקום
וועלן לעגענדעס זיך וועבן;
פאַרקריצט אין אונדזערע הערצער
וועט אויף אייביק לעבן
אייער לעצטער געבעט:
זכור! — ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן!

עס וועלן טויזנטער יַמען
ניט אָפּוואַשן די שאַנד
פון דער רישעותדיקער „פרייער וועלט"
„פון יענער זייט וואַנט"!
עס וועלן קיינע שטורעמס
ניט אויסלעשן דעם צעגליטן פלאַם
פון צער און צאָרן
נאָך אונדזער פאַרשניטענעם שטאַם!

אָ, איר הייליקע געטאָ גיבורים!
מיט אַלע חושים פון מיין צעטרייסלטן געביין
מיט דעם גאַנצן כוח פון מחשבה
איך וויל דערגיין
צו יענע קוואַלן פון אייביקן „ישראל סבא"
אַוווּ איר האָט די גבורה און מוט געפונען
צום קאַמף קעגן בלוטיקן שונא
פון וועלכן איר האָט ניט געקענט אַנטרונען. . .

אויף אייביק פאַרקריצט אין אונדזערע הערצער
די לעצטע גרויליקע רגעס
פון שוידער און פיין
ווען צווישן בלוטיקע פלאַמען קנוילן
עס זיינען געפאַלן די געטאָ העלדן
די לעצטע מכבייער
פון די אידן אין פוילן!!

אויף אייביקע דורות
וועלן צווישן טאָוולען פון געשיכטע
שטראַלן מיט גאָלד די נעמען
פון קדושים וואָס זיינען פאַרגאַנגען
אין די העלישע געטאָ פלאַמען.

ניו־יאָרק 1980

אין גולאַג

אויף אַ מאָזאַיִק פון וועגן
וואָס ציען זיך העט ווייט. . .
מיט טרערן בלוט אוןליידן
זיינען זיי פאַרזייט

מיליאָנען מאַרטירער
דורך דורות געפאַנגען
זיינען געשמידט אין קייטן
דורך די וועגן געגאַנגען. . .

אין אַ פראָסטיק סיבירער נאַכט
אויף זיין גולאַגישן בעטל
האָט דער קראַנקער פאַרפייניקטער שקלאַף
אין דימיון דערזען זיין שטעטל.

עס פיבערט דער קראַנקער מוח,
ער שוידערט פון ווייטיק און קעלט,
עס דערשיינט ווי אין חָלום
זיין פאַרלאָרענע וועלט. . .

אַזוי פיל מעת־לעתן
זינט דאַן שוין פאַרביי
נאָר דאָס האַרץ עס בלוטיקט
און לאָזט ניט פאַרגעסן
די הערלאַישע טעג אויף דער פריי.

אוי, וויפיל פאַרפייניקטע נעכט און טעג
זינט דאַן שוין אַוועק! —
ווען דער מילשטיין פון גורל
האָט אים פאַרשליידערט אַהער. . .
און עס ברענט אין אויג אַ זודיקע טרער. . .

דורך דער פריזמע פון זיכרון
טויכן אויף די קינדער יאָרן;
עס בליצט אויף אַ וווּנדער פּאַנאָראַמע:
אַ פעלד, אַ טייכל, אַ גאָרטן,
אַ הייזקע — דערנעבן זיין שיינענדע מאַמע...

זי פּאָרעט זיך אין גאָרטן
זי שמייכלט פון ווייטן
ווי יעדן פרימאָרגן
זי באַוואַסערט
די דופּטיקע בלומען בייטן...

דאָרט אין גאָרטן אין סאַמע מיטן
אַ צעבליטע ליפּע —
אַ רחבותדיקע גרינע קרוין
מיט ווייסע פּערלדיקע צוויטן

דאָרט אונטער דעם בוים
פון אַלעמען פאַרבאָרגן
גע'חָלומט חלומות
פון אַ ליכטיקן מאָרגן...

און עס פליט דער זיכרון
דורך אַ בריק פון יאָרן
אַהין — וווּ עס האָבן אַמאָל, אַמאָל
חלומות און וויזיעס געדייעט אָן צאָל.

דערנאָך — ס'האָט אַ בלוטיקער קריג
פון זיין ליבער היים אים פאַרטריבן
זיין פרידליך פאַר'חָלומטע קינדהייט
אויף אַ קעמפערישער יוגנט פאַרביטן.

*   *   *

און פלוצלינג ס'האָט אַ בשורה
זיך מיט זיבן זונען צעהעלט
די פרייהייט רעוואָלוציע
בויט אַ נייע וועלט!

. . . דערנאָך — די העלדן די טרוימער
וואָס האָבן געקעמפּט און געליטן
ס'האָבן די רויטע טאָרקוועמאַדאָס
מיט אַ בלוטיקער קאָסע פאַרשניטן. . .

און ער — פון פויגל־פּלאַטער אין די הימלען
מיט פאַרברענטע פליגל
און אַשיקע פונקען
צו דער בלוטיקער לוביאַנקע געזונקען. . .

אַלע פּאַטאַ מאָרגאַנאַס
וואָס אונטער דעם בוים געשפּונען
אין בלוטיקע נעפּלען צערונען. . .
זיין אויסגעטרימטע היימלאַנד
איצט — אַ פאַרשאָלטענער שקלאַפן פאַרבאַנד

דאָרט אין די גולאַגן
אויפן ראַנד פון דער וועלט
וווּ דער ווייסער טויט
קיניגט אין זיין בלוטיקן געצעלט

ס'האָט אַ ווייסער מלאך דעם שקלאַף
אַ קוש געגעבן, צאַרט אַרומגענומען,
אין די ווייטע אין־סופן מיט אים פאַרשוווּמען. . .

אויף דעם פּלאַמיק אייזיקן שניי
מיליאָנען שאָטנס געקליידעט
אין פּיין און ווי
בראָדזשען אין פאַרגליווערטן טרויער
פרעגן שטום — פאַרוואָס?

אויף סיבירער וועגן

(אַ מתנה דעם רוסישן פאָלק)

אין דעם „פרייהייט פּאַלאַץ״
מיט דעם נאָמען „לוביאַנקע״
ווו צדק און יושר שטראַלן
מיט אַלע זיבן זונען
ווו גערעכטיקייט און אמת
האָבן ענדליך אַ תיקון געפונען. . .

דאָרט ווו דער רויטער פּאָניע
האַלט פעסט פאַרפּרעסט
אין זיין בלוטיקער דלאָניע
דעם צעטל פון גורלות
פון מיליאָנען קרבנות. . .

דאָרט האָבן די „רויטע סנהדרין״
אין טאָגעס פון ריכטער געקליידט
פאַר דעם פאַרפייניקטן רוסישן פאָלק
די אויסגעבענקטע פרייהייט פאַרגרייט. . .

* * *

. . . די זיגרייכע „פאָלקס־רעוואָלוציע״
לאָזט אַלעמען באַגריסן:
פון אַ פרייער דאַטשע אין סיביר
וועט איצט איעדער געניסן!. . .
די ערשטע — די העלדן פון דער רעוואָלוציע —
די וואָס האָבן געשריבן די נייע קאָנסטיטוציע!. . .

פון דאָרט, פון די קעלערן
פון דער בלוטיקער לוביאַנקע
עס פירט אַ ברייטע טיר
צו די אומענדליכע שליאַכן
פון פראָסטיק ווייסן סיביר.

ניט קיין צאַרישע זשאַנדאַרן
נאָר אויסדרעסירטע רוסישע קאַמעראַדן
באַגלייטן איצט די העלדישע קעמפּער
אַהין צו די סיבירער גולאַגן. . .

מיט בלוטיקע שפּורן פאַרקריצט אין גראַניט
אויף אייביק פאַרבליבן די טריט
פון מיליאָנען פאַרפּייניקטע
פון גרויזאַמע טיראַנען
וואָס זיינען דעם וועג דאָרט געגאַנגען. . .

יעדער מיט זיין חלום
באַגערן, פאַרלאַנגען
געטרוימט, געקעמפּט און געליטן
צום זוניקן ציל ניט דערגאַנגען. . .

אויף וועגן סיבירער
דאָרט קען מען געפינען
דאָס ווונדער געפלעכט פון טרוימען
וואָס מאַרטירער האָבן פאַרשפּונען:

— אַ חלום צו שפּאַנען
אויף ליכטיקע וועגן
מיט דער שטראַליקער פרייד פון זיין
צום זוניקן מאָרגן אַנטקעגן.

דער געראַנגל פון פעלקער
פאַר די רעכט צו זיין פריי
דורך דורות אין קאַמפּן געשמידט,
אַ חלום וואָס בלייבט אייביק ניי.

אויף וועגן סיבירער
אויף שליאַכן פאַרווייעטע
ס'האָבן מחנות געשמידט אין קייטן
מיט אויגן פאַרטרערטע
אַ ירושה געלאָזן:

דערמאָרדעטע גלויבנס, וויזיעס חלומות
זיי גליען מיט בלוטיקע פאַרבן
מיט שפּורן פון בלוטיקן צאָרן
זיי בעטן מיט שטומע בליקן
לאָזט אונדז ניט שטאַרבן!!!

לוביאַנקע

לוביאַנקע — אַ נאָמען גאָט זאָל עס אויסמעקן!
ס׳זאָל אַ מבול פון פייער פון אַלע פיר עקן
יעדע קאַמער דאָרטן צינדן
אויף אַלע אייביקייטן ס׳זאָל פון דער וועלט פאַרשווינדן
אָט דער שוידער נאָמען ,,לוביאַנקע״! —
וואָס שניידט ווי אַ בליץ דאָס האַרץ און דעם מוח
בלייבן זאָל נאָך דעם אַ באַרג פון אַש און רויך!...

אויף דער מאַפּע פון דער וועלט
ס׳איז אַ לאַנד פאַראַנען,
אַן אינדזל פון גרויזאַמע רויטע טיראַנען.
דאָרט האָט זיך דער טייוול אין אַ גענעראַלסקע מונדיר
פאַר אַ גאָט פאַרשטעלט
רויטע לוחות פאַר זיין פאָלק געשריבן —
,,איך בין אייער גאָט — און מיך דאַרפט איר ליבן!״

מיליאָנען קרבנות האָט דער געץ פאַרשלונגען
אין טייכן בלוט פיל פעלקער דערטרונקען
אַלץ פאַר דער פרייהייט — פאַר דער רויטער רעוואָלוציע —
און פאַר סטאַלינ׳ס קאָנסטיטוציע...
אַיעדן טאָג אין קרעמלין שדים טאַנצן און לאַכן
זייער באַליבטן גאָט — זיי מוזן פריילך מאַכן...

... שוין לאַנג האָבן די מערדערישע קאַטן
אין די הייליקע רויטע כאַלאַטן
געשפּונען די גורלות
פון די טויזנטער אידישע קרבנות,
אויף פאַר די אידן־דאָקטוירים אין די ווייסע כאַלאַטן,
באַצייטנס שוין געגרייט פאַר זיי די רוסישע האַרמאַטן.

אַזוי האָט דער טאַטע פון די פעלקער
— אַ חיה אָן געוויסן — באַשלאָסן:
מ׳דאַרף זיי אַלע ווי די הינט דערשיסן
אָט די שרייבער, פּאָעטן, קאָסמאָפּאָליטן, —
די פֿאַרשאָלטענע אידן
געוגג פון זיי געליטן!. . .

אוי! ווי עס וויינט דאָס האַרץ
נאָך אונדזערע פֿאַרשניטענע ברידער!
די בעל כורחה באַזינגער
פון דעם גרויסן ליגן. . .
דורך יאָרן פון צער און פּיין
געליטן און געשוויגן. . .

ס׳האָט מאַרקיש מיט פלאַמיקן גלויבן
אויף די העכסטע בערג געשטיגן,
איבער אָפּגרונטן פון שרעק
געבויט פֿאַנטאַסטישע בריקן
חלומות געצונדן, געוואַגט שטערן דערלאַנגען
צום לעצט — דורך פֿאַרנעפּלטע רוסישע וועגן
צו דער לוביאַנקע דערגאַנגען. . .

און האָפשטיין — אין די עלנדע ווינטער פֿאַרנאַכטן
אויף פֿאַרשנייטע וועגן געשפּאַנט. . .
מיט בענקשאַפט אין האַרצן די זאָמען
פֿאַר אַ ליכטיקן מאָרגן געפלאַנצט. . .
מיט וויזיע און האָפנונג זיין פּראָצעסיע געשפּונען
אויך ער האָט דעם וועג צו דער לוביאַנקע געפונען. . .

לייב קוויטקאָ באַוויינט זיין פֿאַרשאָלטענעם לעבן
ער ווייסט — דער רויטער אינקווידיציע
ער מוז זיין יונגן קאָפּ געבן. . .
און איזי כאַריק — דאָס מוזיניקל פון דער רעוואָלוציע
טרוימט פון אַנטלויפן: וווהין און ווי אַזוי?
אַז יעדער טראָט ווערט געהיט פון די רויטע קאַניבאַלן
פֿאַר דער „פרייהייט" — אויך ער מוז מיט זיין קאָפּ באַצאָלן. . .

אָ, איר מאַראַנען! אונדזערע הייליקע ברידער:
איר האָט מיט פלאַמיקן גלויבן
די פרייהייט רעוואָלוציע באַזונגען
מיט אייערע שטראַליקע ווערק
ס׳האָט די וועלט געקלונגען.
דעם רויטן געץ אויף אַ פעדעסטאַל געשטעלט
ביז ס׳האָט זיין בלוטיקע קאָסע
אייך פאַרשניטן פון דער וועלט. . .

און אַזוי האָבן די מערדער די רויטע קאַטן
דעם נאָמען מענטש געשענדעט, צעטראָטן
דעם חָלום פון פרייהייט ברוטאַל פאַרראַטן
אין טייכן בלוט און טרערן
פאַרלאָשן דעם אָפשיין
פון דעם צעבליצטן רויטן שטערן. . .

אָ, איר פאַרפייניקטע מאַרטירער, פאַרפירטע,
ווי געבונדענע שעפסן געפירט אייך צו דער שחיטה. . . —
עס האָבן די רויטע הענקער מיט זייערע צינישע בליקן
יעדן פרווו פון אמת געטאָן דאָרט דערשטיקן. . .
מיט אַ נעץ פון גרויזאַמע ליגנס
זייערע קרבנות פאַרשפּונען
ביז געשענדעטע באַשפּיגענע
זיי האָבן דעם טויט געפונען.

דאָרט אויף דער פאַרשאָלטענער לוביאַנקער ערד
געווען איז מיינע ברידער באַשערט
אין שרעקליכע ליידן, אין גרויזאַמען פּיין
פאַר די רויטע קאַמעראַדן אַ קרבן צו זיין. . .

לוביאַנקע — ווו דער געשפּענסט פון מאָרד
יובלט באַטאָג און ביינאַכט;
אוי! וואָס האָבן די אומגליקלעכע דאַן געטראַכט
אין דער שוואַרצער אויגוסט נאַכט?. . .
ביז ס׳האָט דער זאַלפּ פון דער מערדערישער קויל
זייער טראַגישן לעבן צו אַן ענד געבראַכט. . .

אָ, איר יונג פאַרשניטענע ברידער מיינע!
דורך דורות און דורות ס׳וועלן אייערע נעמען שיינען
אייער גייסטיקע ירושה וועט אויף אייביק
די וועלט דערמאָנען
וועגן דעם גרויזאַמען מאָרד
פון די רויטע טיראַנען. . .

אוי, ווען די לוביאַנקע ווענט
וואָלטן קענען ריידן
וויפיל מאָרד מיסטעריעס
זיי וואָלטן געקענט אונדז באַשיידן!

שבת נגינה

געווידמעט מיין פאָטער דעם גרויסן ירא־שמים
וואָס פלעגט זאָגן:
דער שבת — דאָס איז אונדזער עץ־החיים
דאָס איז די הייליקסטע מתנה
וואָס מיר אידן פארמאָגן

אין אַלע מיינע נע־ונעדן,
אין מיין וואַנדער דורך דער וועלט,
דורך גריבער און טאָלן,
אין וואַלד, אין פעלד,
אין די אוישוויצער אויוונס —
דאָרטן, פאַרברענט
אויף אַש און שטויבן
וואַלגערן זיך מיינע פאַרפייניקטע גלויבנס.

און דאָך — פאַרבליבן זיינען אין האַרצן שפורן
וואָס פירן צו שליאַכן
פון ווייט פאַרגאַנגענע יאָרן. . .
ערגעץ אין קעמערלעך טיף פאַרשפונען
פאַרנעפלטע ברעקלעך פון זיכרון
שיינען פלוצלינג אויף ווי ליכטיקע זונען
און באַלייכטן די שבת־יום־טובדיקע טעג
פון מיינע גליקליכע אַמאָלן. . .

און אַ נאָגנדע בענקשאַפט
האָט אין מיין האַרצן דערוואַכט
נאָך דער נשמה־יתירהדיקער פרייד
פון אַ פרייטיק אויף דער נאַכט.
ווען אין מיין היים האָט געקיניגט
מיט איר גאַנצער פראַכט —
די „מלכה שבת״. . .

אָט זע איך מיין מאַמע מיט איר זוניק ווייס געזיכט;
עס שטראַלט מיט קדושה ווען זי בענטשט די שבת ליכט,
זיי באַלויכטן די שטוב מיט זייער זילבער פלאַם
דערציילן לעגענדעס פון אַן אַלטן שטאַם...
און עס ציען זיך ליכטיקע שטראָמען
צו דער חושכדיקער וועלט
וואָס האָט מיין פאָלק פון קידוש־השם
מחוץ־למחנה געשטעלט...

שפעטער קומט מיין טאַטע
מיט אַן אורח פון שול,
עס צעקלינגט זיך אַ ניגון
אַזוי האַרציק און ליב
דער שלום־עליכם צו די מלאכים
וואָס קומען בענטשן אונדזער שטוב...

און אָט זע איך מיין טאַטע
מיט זיין מאַיעסטעטיש געשטאַלט:
דער אייביקער איד מיטן קידוש־בעכער אין האַנט
און זיין קלינגענדער יום השישי
פאַרטראָגט אים ערגעץ ווייט —
צו די קוואַלן פון קדושה...

עס שיינט זיין פנים ליכטיק צעהעלט,
ער איז מיט זיין מחשבה איצט
אין אַ נייער וועלט...
עס האָט אים די שבת־מלכה
אין דעם פרייטיק־צו־נאַכט
פאַר אַ בן־מלך געמאַכט...

ביים שניי־ווייסן טיש מיט זילבער באַצירט
אויבן־אָן מיין טאַטע זיצט און דיריגירט
מיט די קינדער די פרעכטיקע ניגונים —
געזונגען דורך דורות,
די פריידיקע שבת׳דיקע זמירות
צו דער מלכה שבת...

און עס זינגט מיט התלהבות די גאַנצע הויז
אַ צעזונגענע משפחה פון קליין ביז גרויס;
טאַטע־מאַמע, געסט, ברידער, שוועסטער,
עס זינגט אַ שבתדיקער אָרקעסטער!
און די שטראַלן פון די שבת־ליכטער
פאַלן אויף די פריילעך צעפלאַמטע געזיכטער.

נאָך אַ ווייל צעזינגט זיך ווידער אויבן־אָן
מיין שיינענדיקער טאַטע מיט זיין שיינעם באַריטאָן —
מיט אַ נייעם זמר מיט אַ נייעם טאָן:
„כל מקדש שביעי כראו לו"
און עס העלפט אויך מיט מיין שיינע מאַמע
שבתדיק פאַרפוצט — ווי אַ בת־מלכה אין בלוי. . .

און עס הערט זיך איין דער וואַלד
אין דער צעשטערנטער נאַכט
ווי עס גיסן זיך די קלאַנגען
מיט אַ מתיקות אַ פראַכט
פון אַ צעזונגענער משפחה
אין אַ פרייטיק אויף דער נאַכט. . .

. . . דאָרט אויף די וואַלדיק צעגרינטע בערג
אין די רחבותדיק צעבליטע טאָלן —
דאָרט שוועבן נאָך איצט די עכאָס
פון מיינע נשמה־יתירהדיקע אַמאָלן. . .

ניו־יאָרק 1979

שלוש סעודות

אין שאָטנס פאַרהילט
עס ברומט שטיל דער איד
אַן אַלטן פאַרבענקטן ניגון.
אויפן האַרצן סומנע שווער,
אין אויג עס גליט אַ הייסע טרער,
דער האַרציקער זמר
טוט דעם אומעט פאַרוויגן. . .

די נשמה יתירה אין די הימלען
אויף אַ וואָלקן ווייט פאַרשווומען
די הייליקע שבת־מלכה
מיט זיך מיטגענומען. . .

אויס בן־מלך ס׳ווערט איצט דער איד
צוריק דער אַלטער אָרימאַן. . .
ווידער מוז מען גיין אין שפּאַן
דעם שווערן גלות שלעפּן
פון דיין תורה
גרויסער בורא
בטחון ווידער שעפּן. . .

לזכר משה פיעטרושקא

מיט באַשיידענע, שטילע טריט
איז ער אויף דער וועלט געגאַנגען
אַ טיף פאַרוואָרצלטער „אידיש מאמין״
געטראָגן צו זיין פאָלק דאָס ליד
פון דעם צעברויזטן שטורם און דראַנג,
ווי אויך דעם דורותדיקן „אַני מאמין״. . .
דאָס איז געווען זיין דרך,
דאָס איז געווען זיין גאַנג.

טיף פאַרקריצט אין זיין צעפלאַמטער נשמה
געווען די ווייטע רויט־בלויע קאַיאָרן,
די טענער פון דערוואַכטן צער און צאָרן —
פון די פרילינגדיק-צעזונגענע שטורם־יאָרן,
וואָס האָבן דער מענטשהייט געבראַכט די בשורה
פון אַ נייער „יצירה״
פון אַ וועלט אַ ליכטיקער, באַנייטער
פון אַ וועלט פון קנעכטשאַפט באַפרייטער. . .

* * *

איצט פאַרשווינדן זיי אין דער אייביקייט
„די העלדן פון דער דראַמע״.
עס לעשן זיך ווי שאָטנס
די לעצטע שקיעה פלאַמען —
פון דער שטראַליק־צעזונגענער
„אידיש־פאַנאָראַמע״

עס איז אַוועק אַ גרויסער מענטשן פריינט
און פאַר״יתומט אונדזערע טעג;
ווי אַ ליכטיקער פאַקל האָט ער געשיינט
אויף אונדזער שווערן דאָרניקן וועג.
מיט גרויסע גייסטיקע ווערטן
איז ער געווען געבענטשט,
מיט ווירדע און חשיבות
געטראָגן דעם נאָמען „מענטש״

אָ, טייערער פריינט! —
דו האָסט דיין וואַרעם האַרץ
דער גאַנצער וועלט געשאָנקען.
אויף דורות און דורות
וועלן דיך פריינט געדענקען.
און איך אַליין —
ביז מיין לעצטן פאַרגיין
וועל נאָך דיר בענקען. . .

געוועזן אַ מענטש — און ניטאָ אים מער (ביאַליק)
איז דער ווייטיק גרויס
און עס גליט אין אויג אַ טרער. . .
יהי זכרו ברוך.

ניו־יאָרק, פעברואַר 1984

דוד סלוצקי

געוועזן אַ ליבער פריינט —
און פּלוצים ניט געוואָרן.
אויף אייביק בלייבט זיין נאָמען
פאַרקריצט אין אונדזער זיכרון.

געלעבט אַזוי שיין, שטיל און באַשיידן,
מיט מעשים טובים האָט ער זיין נאָמען געטאָן באַקליידן;
און ווו נאָר דער גורל האָט אים געטאָן פאַריאָגן,
דעם צלם אלהים האָט ער מיט זיך אומעטום געטראָגן

ער האָט אונדז אַלעמען באַרייכערט מיט זיין קוואַליקן וויסן —
ביז דער גרויזאַמער טויט האָט אים פון אונדז אַוועקגעריסן.

זיין לערע ווי בליצן אין פאַרוואָלקענטע טעג,
און זיין זוניקער שמייכל וועלן באַלייכטן אונדזער וועג.

מיכאל קויפמאַן ע״ה

איך וויל אין מיין בוך פאַראייביקן דעם נאָמען פון אַ מענטשן, מיט וועלכן איך בין געווען נאָענט באַפריינדעט. אַ מענטש מיט וועלכן איך האָב געהאַט דעם כבוד צו אַרבייטן צוזאַמען אין די אידישע קולטור קלובן אין מיאַמי ביטש. איך וויל אונטערשטרייכן, אַז פאַר די לעצטע 20 יאָר, וואָס איך האָב זיך באַטייליקט אין דער קולטור אַרבייט פון די אידישע קולטור קלובן אין מיאַמי ביטש, האָב איך ניט אָנגעטראָפן נאָך איינעם וועלכער איז געווען ווי מיכאל קויפמאַן. דער מענטש איז מיט זיין גאַנצן האַרץ און נשמה געווען איבערגעגעבן דער אַרבייט פאַר דער אידישער שפּראַך און פאַר דער גאַנצער קולטור אַרבייט אויף דעם געביט.

מיט ליבשאַפט און רעספּעקט פלעגט מען אין אַלע ליטעראַרישע קרייזן דערמאָנען דעם נאָמען מיכאל קויפמאַן. דער מאַן איז געווען באַשאָנקען מיט גרויסע פעאיקייטן, מיט אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט, מיט שווונג און פאַנטאַזיע. ער איז געווען אַ וויזיאָנער — און גלייכצייטיק פאַרמאָגט דעם ווילן זיינע פּלענער צו פאַרווירקלעכן.

פאַר אַלעם איז ער געווען דער גרויסער מעצענאַט. מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט יעדע אָרגאַניזאַציע, ווי אויך יחידים, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין פינאַנציעלער הילף. אַ סך שרייבער האָט ער געהאָלפן אַרויסגעבן זייערע ביכער. אין אַלגעמיין אַ גרויסער בעל־צדקה. און דערצו אויף אַ שטילן אופן. זיין גרויסער פּלאַן, זיין חלום אויף וועלכן ער האָט שווער געאַרבעט און געהאָפט צו פאַרווירקלעכן, איז געווען צו שאַפן אין מיאַמי ביטש אַן אייגענע היים ווו אַלע קלובן זאָלן קענען האָבן זייערע מיטינגען און פאָרזעצן זייערע אַקטיוויטעטן. דער קאָאָרדיניר קאָמיטעט זאָל האָבן אַן אַדרעס ווו מ׳וועט קענען אויפנעמען שרייבער און חשובֿע געסט, וועלכע קומען אין מיאַמי. אויך זאָל זיך דאָרט געפונען אַ אידישע ביבליאָטעק. מיט איין וואָרט: אַ אידישער קולטור אַדרעס פאַר מיאַמי ביטש.

אָבער ליידער, צו אונדזער שווערן פאַרלוסט, האָט אים דער גרויזאַמער טויט אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען. פון דעם גאַנצן פּלאַן איז געבליבן בלויז דער גרויסער חלום פון מיכאל קויפמאַן. מיט זיין טויט האָט די אידישע קולטור אַרבייט אין מיאַמי ביטש געליטן אַ

שווערן קלאַפּ. מיכאל קויפמאַן איז געווען אַ יחיד במינו. קיין נאָכפאָלגערס זיינען ניטאָ. ביז היינט זיינען מיר געבליבן אָן אַן אייגענער היים. און דאָס באַשווערט זייער די אַרבייט און אַלע אונדזערע אַקטיוויטעטן.

מיט ליבשאַפט און טרויער דערמאָנען מיר אַלע מאָל אונדזער טייערן מיכאל קויפמאַן.

געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען.

דאָס ראָד פון מזלות

עס דרייט זיך דאָס ראָד פון מזלות
דער איד אין פלאַמיקן מיטן
אויף צעברענטע שליאַכן
אין אין־סופיקן גלות
געוואָגלט, געקעמפט און געליטן,
ביז דאָס לאַנגע נאַצישע מעסער
האָט אַ דריטל פון דעם פאָלק פאַרשניטן!. . .

דורך קרעמאַטאָריע פלאַמען,
פון טויטן טאָל פון ביינער,
פון זעקס מיליאָן פאַרשניטענע
געבליבן בלויז ער איינער!

דורך דורות געוואַנדערט
אויף בלוטיקער ערד
ס׳האָט זיין לעבן געהאָנגען
אויפן שאַרף פון אַ שווערד.
פאַרראַטן פון אַלעמען, אַפילו פון גאָט אַליין
צו זיין אויסגעחלומטן לאַנד
געלאָזט זיך גיין.

איצט אין אַן אייגן לאַנד —
אַ ניי געבוירענער איד
צו להכעיס אַלע שונאים
לעבט און זינגט
זיין דורות אַלטע ליד
עם ישראל חי!

א קינד פון דער שארית הפליטה אין ישראל
ליבי פלאָט שפּילט פאַר אסתּר המלכּה.
דורך וועלכער דער נס פּורים איז געשען.
אויף א פראגע וואס זי וויל זיין אין דער צוקונפט:
"איך וויל זיין ווי גאָלדע מאיר"
איז געווען איר ענטפער.

א נאכווארט פון מחבר

די לידער אין דעם בוך זיינען א זאמלונג פון צענדליקער יארן פון נאך דעם קריג ביז היינט. זיי שליסן איין חורבן לידער, ישראל לידער, נאטור מאטיוון ווי אויך לירישע לידער פון מיינע פארגאנגענע יארן. א סך פון די לידער זיינען דערשינען אין א צאל פעריאדישע אויסגאבן ווי "דער וועקער, אונדזער ווארט אונדזער צייט און אין אנהויב." מיט זער א ווארימען אפרוף פון די לייענער. איך וויל באטאָנען: עס איז געווען דר. אליהו שולמאן ע.ה. דער רעדאקטאר פון וועקער וועלכער האט מיך זער דערמוטיקט ארויסגעבן דעם בוך. אפילי צוגעזאגט זיין הילף אין דער ארבייט. ליידער, ליידער האט אים דער גרויזאמערטויט אוועקגעריסן פונקט ביים אפנעמען די מאנגער פרעמיע וואס מהאט אים צוגעטיילט אין ישראל. ער איז געווען א יחיד במינו. איך וועל אים אייביק געדענקען. האב איך באשלאסן נאך אזוי פיל יארן ארבייט איצט ארויסגעבן דעם בוך. מיר אידן זיינען אן עם הספר. איך האף אז דאס בוך וועט אויך זיין א קליין בלימל אין דעם פיל פארביקן קראנץ פון דער אידישער ליטעראטור אין וועלכער איך בין פארליבט. נאך מיין מיינונג די שענצטע אין דער וועלט ליטעראטור. זייט אלע געגריסט.

העלען העללפאנט

אינהאלט

פאָרוואָרט	1-2
דער 20־טער יאָרהונדערט	4-5
דער 1־טער סעפטעמבער 1939	6-7
פוילן — דאָס לאַנד פון מיין געבוירן	8-11
אויף דאָרניקע וועגן	12-13
זייט מיר מוחל!	14-15
אָב הרחמים	16-17
מי במים ומי באש...	18-19
שמע! אַ תפילה...	20-21
עלעגיע נאָך מיין שטאם	22-23
אין געראַנגל (אַ תפילה)	24-25
אויף קבר אָבות	26-27
די סטרומא	28-29
אני מאמין	30-31
צוריקבליק	32-34
איך בין	35
מיין מאמע׳ס דין־תורה	36-37
גאָט׳ס ברכה	38
אַ משיח וויזיע	39
יאָרצייט נאָך מיין מאַמע	40-41
מאָדהערס־דעי — מוטערס טאָג	42-44
קדיש	45
״א מאמע״ דער אייביקער פענאָמען	46
אויף א בית־הקברות פון ״צהל״	47
די מאמע אידיש	48-50
מיין מאמע	51
צו א פריינט פון שארית הפליטה	52
דער כוח פון אידישן וואָרט	53

״דאָס הויז פון אייביקן שלום״	54-55
מיין ערשטע ראַנדעוואו	56-57
קינדער יאָרן	58-59
די תפילה פון אַ קינד	60-61
איך בענק נאָך אַ חלום	62-63
די ווייסע גלעקלעך	64
מיין זייגער	65-66
דאָס האַרץ פון אַ מאַמע	67
די מאָדערנע קינס	68
דערוואַך	69
חלומות פון אייביקן שלום	70-71
דיין פרימאָרגן ליד	72
אַ גורלדיקע נאַכט	73
אין מאָרגן־רויט	74-75
דער ים אין שטורעם	76
אָוונט־צייט ביים ים	77
אינדיאַנער זומער	78
ביים ים אין אַ זוניקן פרימאָרגן	79
אויף מיין גאַניק	80-82
אַ נייער באַגינען	83
דער בליוער פויגל	84
האַרבסטיקער פאַרגיי	85
פרימאָרגן דעמער	86
דאָס פלאַטערל	87
דער טאָל ווו איך וווין	88
די בין	89
פרילינג	90
געקומען איז דער מאַי !	91-92

די רויז	93
אַ זון פאַרגאַנג אין די קעטסקילס	94-96
דער זומער איז געקומען	97-98
אַ חלום פון אַ זומער נאַכט	99-101
מיין זומער היים	102-103
מזמור שיר לאידיש	104-105
פון אומקום צו אויפקום	106-107
צו מיין פאָלק	108-109
דער נייער איד	110-111
דער חלוץ	112-113
יציאת ענטעבע	114
כל המקיים נפש אחת כאילו קיים עולם ומלא	115-116
די מאַמע פון אידישן פאָלק	117
מנחם מענדל אין ישראל	118-120
אַ נאַכט אַזאַ שטילע	121
לבנון	122
דו ביסט אַוועק	123-124
מיין שטאַם	125
די געטער זיינען דורשטיק	126
עושה שלום	127
אַן אַלטער ניגון	128
דו ביסט געקומען	129
מיינע טרייע "באַגלייטער"	130-131
דער בוים פון וויסן — עץ הדעת	132-133
די לבנה	134
א שיכורער וואָלקן	135
חלומות	136

אויגן	137
מיין אידיש ליד	138
טרוימען	139
מיין טרוים	139
די אַלטע וועלט	140
נעכטיקע טעג	141
די נייע הגדה	142
19־טער אַפריל 1943	143-145
אין גולאַג	146-148
אויף סיבירער וועגן	149-151
לוביאַנקע	152-155
שבת נגינה	156-158
שלוש סעודות	159
לזכר משה פיעטרושקא	160-161
דוד סלוצקי	162
מיכאל קויפמאַן ע״ה	163-164
דאָס ראָד פון מזלות	165
א נאכווארט פון מחבר	167